STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02917

YIDISHE LANDSHAFT

Meyer Stiker

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר שטיקער

יידישע לאנדשאפט II

MEIR STICKER
YIDDISHE LANDSHAFT II

I. L. Peretz Publishing House, 31 Allenby Str., Tel Aviv

מאיר שטיקער / יידישע לאַנדשאַפט II

פאַרלאַג י. ל. פרץ, רח' אלנבי 31, תל־אביב

צייכענונגען פון שער־בלאַט — חיים גראָס

©

נדפס בישראל תשל"א
Printed in Israel 1970

דפוס „אורלי", תל־אביב

פון דער ביכער־סעריע פון „זרובבל—פועלי־ציון־קרייז" אין אַמעריקע

פאַרלאַג י.ל. פרץ ישראל

תשל"א — 1970

ביכער פון מאיר שטיקער

לידער

יידישע לאַנדשאַפט

דער חלום איז מיין עדות

איבערזעצונגען:

דער אַלטער און דער ים פון העמינגוואַי

געקליבענע לידער פון נעלי זאַקס

דזשוליאַן און די אייניקלעך...

אין די וועלדער
פון דער נאכט

אין די וועלדער פון דער נאַכט

Tiger! Tiger! Burning bright
In the forests of the night...
William Blake

ווען וועסטו אויפהערן אַזוי צו ברענען,
דו — וועמען בלעיק האָט אָנגערופן טיגער,
און איך (וואָס זוך, נאָר קען אַלץ ניט געפינען
אַ נאָמען־וואָרט דערפאַר)
רוף אַזוי פשוט־יידיש: צער ?
איך הער אויף מיין געלעגער:
דאָס פייער ברענט
אין די וועלדער פון דער נאַכט
און אין די שאָכטן פון מיין זינען.
אין האַרצן, ווו דער טיגער ברענט,
פאַלן איין די ווענט.
איך הער דאָס ברענען,
איך הער דאָס העשן,
גאָט, פאַרוואָס זאָלסטו ניט קענען
עס בּיסלעכווייז פאַרלעשן ?

מאַך פשוט מײַנע ווערטער, גאָט...

מלך ראַוויטשן צו זײַן 75סטן געבוירנטאָג

מאַך פשוט מײַנע ווערטער, גאָט,
ווי טונקל וואַסער אין אַ טאָל
וואָס הערט אַ שטילן ווידערקול
אין אָפּגרונט פון אַ זומערנאַכט,
און ווי אַ שטערנשטראַל וואָס האָט
פון טיפן דרימל אויפגעוואַכט.

צי פון מײַן אויג אַרויס דעם טוי.
איך בין געדולדיק ווי אַספאַלט
אין וועמענס אָדערן ליגט קאַלט,
אין שפּעטן האַרבסט אַ צינגל גראָז.
מאַך מײַנע ווערטער פראָסט און גרוי,
נאָר גיב זיי פולע וואָג און מאָס.

אַ לעצטער שטערן ציטערט בלוי.
אין דרימל אָטעמט שווער די ערד,
אַ ווינט קומט אָן אויף וואָלקנפערד,
מיט גריוועס צוגעדעקט מיט פראָסט,
און מײַנע ווערטער ווערן גרוי,
און מײַנע ווערטער ווערן פראָסט.

מיט דאָן קיכאָט און סאַנטשאָ פּאַנטשאָ

איך לאָז איבער די שטוב, דאָס בעט, די קאַנאַפּע.
איך דאַרף ניט קיין קאָמפּאַס, איך דאַרף ניט קיין מאַפּע —
ס'איז גענוג אַן אייזעלע אָדער אַן אַלטע שקאַפּע,

אַ טאָרבע שפּייז און אַ בינטל שפּענער.
איך בין ניט קאָלומבוס דער איטאַליענער,
אַז אַ זעגלשיף מיט צעפּלאַטערטע פענער

זאָל מיך ברענגען אין לאַנד פון גאָלדענע גליקן,
ווּ טורעם־שפּיצן און אייזערנע בריקן
ווערן אויפגעגעסן פון הייזשעריקן,

ווּ דער הימל איז שטענדיק אויסגעשאָטן
מיט טיפּוס־־פלעקן און טויטע מאָטן —
איך שלעפּ זיך אין חלום מיט דאָן קיכאָטן,

מיט סאַנטשאָ פּאַנטשאָ און דער אַלטער שקאַפּע —
איך דאַרף ניט קיין קאָמפּאַס, איך דאַרף ניט קיין מאַפּע.

אַלע ביימער וועלן זינגען

זיי האָבן געזוכט דאָס פּאַראַיאַריקע גראָז —
די קינדער — איינגעשרומפּענע ווי זקנים,
דעם אויסגערונענעם רויך פון קוימען,
אַ זון־שטראַל אויף אַ שטיקל צוגעסמאַלעט גלאָז.

זיי האָבן ניט דערקענט מער זייער היים
און האָבן ניט געוווּסט פאַרוואָס
דאָס גראָז איז ניט דאָס זעלבע גראָז,
נאָר בלוט פון שפּיר־הינט, איינגעזאַפּט אין ליים.

אויפגעצאַפּלטע פון וויטיק און חרטה,
זוכן זיי די וואַרעמקייט פון אַלטע שטיבער
און שטייען שטום ביי אויפגעקאַפּעטע גריבער,
ווי כרת־באַרלעך וואַלגערן זיך אין בלאָטע.
זיי הערן ווילדע קלויסטער־גלעקער קלינגען
און זעען ווי דאָס זונראָד האָט זיך אָפּגעשטעלט.
זיי ווייסן: אַלע ביימער וועלן זיך צעזינגען
ווען גאָט וועט קומען משפּטן די וועלט.

פעסטפייגל

א

פעסטפייגל האָבן אויפגעטויכט און זיך אַראָפּגעלאָזט
אויף וואַלד און פעלד מיט אָפּגעפוילטע פלעקן,
ווי אויסשיטרויזן אויפן הארטן פראָסט.
דער קראַנקער הימל בייגט זיך אָן זיי צוצודעקן.

אין מיטן מאַרץ אַ דולער דונער קראַכט
און בליצן שניידן דורך פאַרפּראַלטע פלויטן.
אין אויוונס גליִען אָפּגעפליקטע הויטן
און לאַנגע קוימענס פרייכן טאָג און נאַכט.

האָב איך דאָס אַלץ געזען? איז מיר געווען באַשערט
צו הערן דאָס געוויין פון זקנים און פון קינדער?
בין איך געקומען שטום און טויב און ווי אַ בלינדער
אַרומגעגאַנגען אויף דער אייטערדיקער ערד?
איינגעקלאַמערט אינעם טאָל פון שלעכטס,
האָב איך געהערט אַ לעצטן אויסגעהויכטן קרעכץ.

ב

שרייענדיקע שאָטנס לויפן מיר נאָך. איך ווייס:
דער דרום-ווינט וועט קומען טרוקן און הייס
ווי פון דער מידבר. די פייגל פון דער פעסט
זוכן ניט קיין רו און דאַרפן ניט קיין נעסט.

אויף דעם שנירלדיקן טייך — דאָס אייז
וועט מער ניט גלימערן ווי איידלוויים,
און וווּ דער מאָרגן-שטערן האָט אויפגעבליצט —
דער האַנקרייץ וועט בלייבן איינגעקריצט.

פֿאַרסיפֿאַל מיט אַן אויסגעשטאָכן אויג
וועט אומגיין מיט אַ טרובע און אַ פּויק,
און דורך די דינע פֿעדעם פֿון אַ שפּין
וועט וואַרפֿן סם-שטויב לאַהענגרין.

איך ווייס: שרייענדיקע שאָטנס לויפֿן מיר נאָך.
זיי דערמאָנען מיך אין אונדזער גרויסן בראָך.

ג

איך האָב אויפֿגעהאָנגען מיין האַרף
אויף די צווייגן פֿון אַ ווערבעבוים.
די סטרונעס שווימען אין מוטנעם שוים.
איך בין געבליבן מיט אַלץ וואָס איך באַדאַרף.

איך האָב אָנגעטאָן אַ צעשליסענעם זאַק
און געוואָרפֿן זאַמד אויף מיינע האָר.
אין שאָטן פֿון פֿינצטערע צוואַנציק יאָר
הויערט נאָך אַלץ איבער מיר די האַק.

באָרוועס וועל איך מעסטן דאָס לאַנד
און שליידערן קללות פֿון מיין מויל,
ביז שטעט און דערפֿער וועלן ווערן קויל
און אייניקלעך צו שפּאָט און צו שאַנד.

איך וועל זיצן אַליין אויפֿן שפּיץ פֿון אַ שטיין
און זען ווי זייער זון וועט אויף אייביק פֿאַרגיין.

רעקוויעם

אין קברים־פּיסקעס: ציינער — שטיין און ליים —
פאַרוואָרלאָזט ווי דער שטויב פון היאַצינטן,
אָוועקגעטראָגן פון די ווינטערווינטן.
די זון אַפילו האָט ניט מער קיין היים.

וואָראָנעס לויערן אויף אַ הויכן פּלויט.
די פּעל אויף כלבים זענען אָפּגעשונדן.
אויף פעלדער אייטערן די ווונדן
און קוימענרויכן אָטעמען מיט טויט.

לייבער קלאָגן אין פאַרטומלטער מוזיק
צום בלינדן קרייז פון ווימלדיקע שטערן.
זיי ווייסן אַז זיי קענען זיך ניט ווערן
צום צוואַנג פון אַ פאַרצי‌ִענדיקן שטריק.

דער האַקנקרייץ איז ווי אַ דיאַדעם
איינגעשטריקט אין אונדזער רעקוויעם.

קאַסאַנדראַ

געשפּענסטער אין דער נאַכט. שאָטנס שווער ווי בליי.
קראַכנדיקע באַלקנס. שויבן־שפּליטער.
הענט און פּיס צעקאַטעוועט פון ריטער.
די לבנה שווינדזיכטיקט ווי עס פאַסט פאַר מיי.

עס דאַכט זיך מיר: איך וואַנדל אום אין שלאָף.
בעז צוויטעט אין מיינע פּיאָלעטע אויגן.
פּריאַמס טאָכטער איז פאַרבייגעפלויגן
און אָנגעזאָגט דעם אָנהייב פון מיין סוף.

קאַריאַטידן, אויסגעהאַקט אין מערמלשטיין,
רינגלען מיך אַרום. זיי יאָמערן און קלאָגן.
עס דאַכט זיך מיר: זיי ווילן דיך דעריאָגן,
קאַסאַנדראַ, שאַרף און ביטער ווי אַ וואָרצל כריין.

איך כאַפּ זיך אויף. עס הייבט שוין אָן צו טאָגן.
איך ווייס, מיין זון וועט קיינמאָל ניט פאַרגיין.

ווײַזיגאָטן

דער הימל פֿול מיט ווונדן און געשווירן.
גלחים און טיראַנען פּרעפּלען אַ געבעט.
די קלויסטערס און די מערק פֿון גרויסע שטעט
זענען אײַנגעזאַפּט אין ווײַרויך פֿון דעלירן.

אין פֿענצטערס און מיט אָנגעגליטע שפּיזן
קומען ווײַזיגאָטן פֿון אַ ווײַטן לאַנד.
די פֿעלדער פֿלאַקערן פֿון ראַנד צו ראַנד
און אין די וועלדער, ביימער ווי די ריזן

ליגן מיט די וואָרצלען אויסגעצויגן.
מיט טויזנט קוואַלן קוואַלט די נאַכט.
באַהאַלט זיך, האַרץ מײַנס, אין דער שאַכט
פֿון מײַנע אויסגעלאָשענע אויגן.

שרצים ורמשים ווידמען זיך און מערן
ווי זאַמד ביים ברעג פֿון ים און ווי די שטערן.

שועלים קטנים

מיט וואָס פאַר אַ מאָס
מעסט דער ווינט דאָס גראָז ?
אָט שפּראָצט עס אויף, אָט שרומפּט עס גאָר.
ווען איז אַ ליגן שטאַרקער ווי די וואָר ?
פּאָעטן ליגנערן אפילו וועגן טויט.
דאָס וואָרט האָט איצט די זעלבע האַפט
ווי שטויב, ווי קאַלטע זערנעס זאַמד
און ווי די מאָכיק גרינע הויט
אויף זומפּן, אויפגעקלויצעט און פאַרסמט.
קריך אויף אַלע פיר, זוך די לייטער אויס
וואָס וועט דיך פירן צו דער פינצטערניש
פון אויסגעטראַכטן הימל, צו דער שוים
און צו די לעכער פון דער זיבעטער ריפּ.
די שטערן צאַפּלען ווי די שופּן פון אַ פיש.
וואַסער, ווינט, אַלץ וואָס איז געוועזן ריין,
אַלץ וואָס דו האָסט ליב געהאַט :
אַ בלעטל פון אַ רויז, אַ בלאָנדע פרוי,
אַ זונשטראַל אין די אויגן פון אַ קינד —
געפּענטעט אין די שטריק פון שרעק,
אַ חלום אין מיטן העלע, זומערדיקע טעג —
מיט וואָס פאַר אַ מאָס מעסט מען דאָס אַלץ ?
בייזע כוואַליעס אָנגעזאַפּט מיט זאַלץ,

פעלזנשפּליטערס וואָס פֿאַלן אינעם ים אַריין
מיט אַ געריטשעריי וואָס שפּאַלט
דעם הימל. דאַכט זיך מיר נאָר אויס אַזוי,
צי אפשר איז דאָס דער געוואָי
פֿון קליינע פּיקסלעך אין פּלאָנטער פֿון אַ וואַלד?
אָ, קליינע פּיקסלעך, וואַרט ניט ביז עס טאָגט.
דער פֿייגנבוים איז ביז די וואָרצלען אויסגענאָגט.

אַלע מיינע טויטע

אַלע מיינע טויטע פאַרגעסן ניט אין מיר,
זיי שיקן שורה־גריזלעך דורך דער פאָסט —
די אותיות, אויסגעקאָוועטע ווי פראָסט,
נאָר וואַרעם ווען איך ריר אָן דאָס פּאַפּיר.

איך שפּיר מיין זיידנס קאָפּנהאַגענער שנופּ־טאַבאַק,
איך זע מיין באָבעס מילדע, טייטש־חומשדיקע טרער.
פון וואַנען, ווייל איך וויסן, קומט אַהער
דער אָטעם פון מיין ווייבס פאַרצערנדיקער ראַק?

די חיריקס און די סגלס בויערן זיך איין
ווי לעמפּערט־פלעקן אין מיין אויג —
די צונג איז טערפּקע־ביטערלעך ווי רויג.
אויף קברים, איינגעהילטע אין לבנה־שיין,
בליִען שטערן אויף בלוטיק־רויטן מאָן
און וועקן מיינע טויטע — אַלע זעקס מיליאָן.

צוויי יידישע פּאָעטן אויף איסט בראָדוויי

א. טאַבאַטשניקן

װען לייוויקס גאָלדיק-בלאָנדע האָר
זענען געוואָרן ווייס צו פופציק יאָר,
האָט ער, הכנעהדיק און מילד,
זיין קרוין, זיין פּאַנצער און זיין שילד
געטראָגן ווי אַן אַנדער יידישער פּאָעט,
וואָס האָט געלייטמערהייט אין אַ פּאַריזער בעט
אויסגעקייכט די לעצטע לידער פאַר לאַ-מוש,
ביז גאָט האָט מיט אַ שטילן קוש
אויף אייביק זיינע ליפּן צוגעמאַכט.

ווי נאָך אַ בייזער און אַ לאַנגער שלאַכט
איז איצטער שטום אויף איסט בראָדוויי.
צוויי יידישע פּאָעטן טאָפּטשען אינם שניי.
זיי טראַכטן פון אַמאָליקן אַמאָל
און וואַרטן אַז אַ ווידערקול
זאָל אויפשאַלן אין טרויערטאָל.
די נאַכט פאַלט צו. דער שניי
ווערט ברודיקער אויף איסט בראָדוויי.

דאָס זענען מיינע רייד צו מיין לעצטן פריינד

מיר זענען נאָכגעגאַנגען דאָס גאָלדענע קול
פון דער זון בייטאָג און די שטערן ביינאַכט,
ווי דאָס יינגל דוד אַמאָל אין טאָל
וואָס האָט געפּאַשעט שאָף און זיי באַוואַכט
מיטן פּייפל וואָס ער אַליין האָט געמאַכט.
אויך אויף אונדז האָט געלאָקערט און לאָקערט נאָך היינט
דאָס בייזע אויג פון אַ ביטערן פיינט.
מיר האָבן קיינמאָל ניט די אויגן פאַרמאַכט
צו די וואָלקנס וואָס קומען פון הימל־זוים,
צום דונער וואָס האָט אויפגעקראַכט
און צעשפּאָלטן אויף העלפט דעם קאַרשנבוים.
נאָר ווען אונדזער האָב און גוטס האָט געברענט,
האָבן מיר געלאָשן דאָס פייער מיט די אייגענע הענט.

די לבנה 1969

בלייכע, אָפּגעבליאַקעוועטע הור,
פּאָעטן מיט צוגעפּוילטע לונגען
האָבן דיך באַזונגען
אין שווינדזוכטיקע לידער און סאָנעטן,
און זיך געבוקט צו דיר —
נאָך מער ווי צו אַמור.
דו האָסט זיי ניט געשווינט,
זיי אָפּגענאַרט און זיי באַלוינט
מיט דיין עקרהדיקער טראַכט.
מיט וויפל צערטלעכקייט און פרייד
האָבן זיי געוואַרט, געוואַכט
אין די פאַלדן פון דיין שאָטן,
ביז דער פויגל פון גליִענדיקן שטאָל
האָט דיך צעטראָטן.
איצט ווייסן זיי: דו ביסט ניט מיין
ווי פראָסטע ערד און שטומער שטיין.
ס'איז ליבער זיי צו הערן
דאָס קול פון דונער ווען ער קראַכט
אין די שאַכטן פון דער נאַכט,
אָנשטאָט דאָס פּרעפלען פון די שטערן.

אַז מען קומט אין די יאָרן...

אַז גאָט באַשערט און מען קומט אין די יאָרן —
זאָגט און מיד פון אַלע עבודה זרות —
הייבן די קריזשעס אָן צו דריקן,
עס דינט שוין ניט דער קאָפּ,
דער גוף ווערט שלאַקרידיקער,
דאָס האָפערדיקע ליד פון ליריקער
וויל מען פאַרבראַזגען און פאַרפעסטן
מיט כל המינים מאַניפעסטן,
וואָס קלעפּן זיך ווי אַרבעס צו דער וואַנט.
נאָר חולי נופלים לייגן צו אַ האַנט —
אַ פייגנבלעטל וואָס פאַרדעקט די שאַנד.
זיי זעען ניט : אין קליינעם אַלקער בליט
שיין און שלאַנק דאָס שטילע תהילימדיקע ליד,
וואָס גאָט אַליין באַשיצט עס און באַהיט.

דער לעצטער קדיש

קלאָר איז:
דער סאָלאָוויי האָט אויפגעהערט צו זינגען.
אויפן אַלטן בית הקברות
ניוכען כלבים און קאָטערס שפּרינגען.

דאַר איז
דאָס גראָז ביי אָפּגעצוימטע היילן.
טרערנאָנגעזאַפּטע כמאַרעס
פאַלן אַראָפּ אויף די אבלים.

סאָוועס
וויינען טאָג און נאַכט און קלאָגן.
איינגעהויקערטע — אויף קבר אבות
קומט מען דעם לעצטן קדיש זאָגן.

אַ בלעטל פון סידור און אַ פאַרשעמטער
„של־יד"

פון קלויסטער־שאַטנס, פון פאַרשפּאַרטע ליקן,
אונטער דער לבנהס פאַרשימלטן ראָד,
האָבן חדר־ייִנגלעך — מיט פאַרשמאַכטע ליפּן,
מיט הייסע אָטעמס און טראָט נאָך טראָט,
מיט אויפגעפּראַלטע, זוניקע בליקן —
זיך אַרויסגעלאָזט זוכן דעם וועג צו גאָט.

זיי זענען געגאַנגען און אַריינגעגאַנגען
אין האַרץ פון וואַלד, ווו אַן אַלטער דעמב
האָט זיי באַגעגנט מיט געזאַנגען
פון אליהו הנביא און פון בעל־שם.
אַפילו לעמפּערטן און שלאַנגען
האָבן געזונגען מיט חסידישן ברען.

אין קרייז פון יאָרן — זיבן מאָל זיבן —
ווי רגע־ווייזערס אויף אַ ציפערבלאַט,
האָבן בייזע רוחות זיי אַריינגעטריבן
אין די כף־הקלעס פון פאַרראַט,
און אַלץ וואָס זיי איז איבערגעבליבן:
אַ בלעטל פון סידור און אַ פאַרשעמטער „של־יד".

אַפּאָקאַליפּטיש ליד

קלײנע טײכלעך בענקען נאָכן ים.
גראָז אין חורבות אָטעמט מיט סם.

פֿײגל שטאַרבן אַפֿילו אין מײַ.
דאָס גאָלד פֿון אָוונט צעשמעלצט אין בלײַ.

אויף װיסטע פֿעלדער: בלוטיקער טוי.
העלדן פֿאַלן װי סנאָפּעס שטרוי.

טורעמס קראַכן אין פֿאַנאַנדערפֿאַל,
װי דער לײמענער גולם אין די הענט פֿון מהר״ל.

פֿון הימל נידערט אַראָפּ אויף דער ערד
דער מוטער רחלס אַ געזאַלצענע טרער,

און שׂרה בת־טובֿים פֿון אַ װײַטן לאַנד
קומט צו שפּאַנען און שטעלט אונטער אַ האַנט.

ווער האָט דיך אויסגעטראַכט...

ווער האָט דיך אויסגעטראַכט?
ווער האָט דיך געבראַכט צו מיר
אין שאָטנס פון דער נאַכט —
גלאַטיק ווי אַ רויז,
שטיל ווי אַ ווינטער־מויז,
און קאַלט ווי דאָס ליכט פון שטערן,
וואָס לעשט זיך אויס
אין קינדערשן זכרון?
זע, מיין טיר
איז אָפן פאַר דיר.
ריר מיך אָן און הער
דאָס פאַלן פון אַ טרער
אין דער פינצטערניש.
זעץ זיך אַוועק ביים ברעג
פון מיין קבצנישן טיש —
איין רגע בלויז,
און גיי צוריק אַוועק —
גלאַטיק ווי די רויז,
שטיל ווי די ווינטער־מויז.

מיר ווערן נאָך אַ סך געדענקען...

מיר וועלן נאָך אַ סך, אַ סך געדענקען:
דעם אָדלער — דעם איינאויגיקן — אין מיטן
פלאַמענדיקן זאַמד ווי אַ דערוויש,
די גאָט געפירטע האַנטגעלענקען
ביים ראָד פון וויכערדיקן דזשעט
וואָס האָט די הימלען דורכגעשניטן,
די יונגע זין און טעכטער אין דער ווילדערניש
וואָס האָבן אינעם טאַנק-געיעג געהערט
גאָטס קול וואָס האָט צו זיי גערעדט,
די זקנים מיט די אָפּגעצערטע בערד
ביים כותל אין דער הייליק-אַלטער שטאָט —
נאָך יאָרן וואַרטן, תפילה טאָן און בענקען.
מיר וועלן נאָך אַ סך, אַ סך געדענקען
און דאַנקען גאָט פאַר זיין גענאָד.

אַ לויב, אַ תפילה און אַ דאַנק...

ולירושלים עירך ברחמים תשוב...

אַ לויב, אַ תפילה און אַ דאַנק —
די האַק איז ניט אַראָפּגעפּאַלן
אויף אייער האַלדז, אויף אייער נאַקן.
אַ, ברידער, אין דער הייל פון טאַנק.
אַ, שיינע שוועסטער מיינע, ווי עס שטראַלן
איצט די אויגן אייערע און די באַקן.

אַ לויב, אַ תפילה און אַ דאַנק —
דער הימל טריפט מיט זומער־רעגן
וואָס וואַשט פון אויגן אוים די טרערן.
עס דאַנקט אויך גאָט פאַר זיין געשאַנק
דאָס מינדסטע בלימל ביי די וועגן
וואָס דער שונא האָט געוואָלט צעשטערן.

אַ דאַנק, אַ תפילה און אַ לויב —
די בערג און טאָלן קלינגען ווידער
מיט בלעטער־רויש און מים חיים.
די טויב הויבט אויף זיך פונעם שטויב
און זיגערישע העלדנלידער
שאַלן אין די מויערן פון אַלט־ירושלים.

פון אייביקן ברונעם

וואָס טויגן ניין מאָס רייד?
וואָס טויג ניט און וואָס טויג?
אַ ווונק, אַ מאַך מיט דער האַנט,
אַ פינטל מיט אַן אויג —
איז איבערגענוג.
אַלץ שטייט גרייט,
אַלץ וואָס איז קוראַנט
בענקט נאָך מיין באַריר,
לויפט צו מיר.
איך הער אין וויגנדיקן צווייג
דעם ווינט — און שווייג.
איך זע אַ בליִענדיקע בלום
און גלעט זי מיט די אויגן —
פאַרחידושט שטום.
די בלום האָט אָפּגעבליט,
דער ווינט איז אַוועקגעפלויגן.
מיך אַרט עס ניט.
איך האָב איבערגענוג:
איך לאָז אַראָפּ דעם קרוג
און שעפּ פון אייביקן ברונעם.
אַז ס'איז גוט פאַר גאָט,
איז עס גוט פאַר מיין גומען.

מיר ריידן שטילע רייד...

מיר ריידן שטיל: אַן אָפּן פעלד,
אַ ברייטע לאַנקע, אַ געפלעקטער אָקס,
אַ טונקל פינטעלע אַוועקגעשטעלט
נאָך יעדן וואָרט. אַ פּאַראַדאָקס.
דאָס פעלד איז ניט קיין פעלד, דער אָקס
וואַלגערט זיך אין ווילדן גראָז
פון מיין געהירן. מיר ריידן שטיל.
סקאַלעס פאַלן ווי צעבראָכן גלאָז
אין נעפּלדיקן שוים פון ים.
איז דאָס דער אָנהייב? איז דאָס דער סוף?
מיר ריידן שטיל. אַ צינגלדיקער פלאַם
דערנענטערט זיך צו אונדזער שלאָף.
ווער האָט אונדז ניט פאַרגעסן? אַפילו דער ווינט
רירט אונדז ניט אָן, גייט אונדז פאַרביי.
דער קאַרשנבוים, אין מיטן חודש מאַי,
איז עלנטער פון אַ פאַריתומט קינד.
מיר ריידן שטילע, קאַרגע רייד
און הערן ווי אין חלום דאָס געוויין
פון אונדזער מאַמע ביי אַ קבר־שטיין.
דאָס גאָלד פון דער ירושה־קייט
זשאַווערט אונטער פוילנדיקן מאָך.
מיר ריידן שטיל און שעמען זיך
פאַר די פאַרצערטע זאַפטן אין דער דיך
און וואַרטן, וואַרטן אויף אַ וואָלקנבראָך.

אַ טייוולאָניש ליד וועגן טויט

מיט אַ גלייכוווערטל פון שייקע פייפער,
מיט אַ חכמהלע פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער,
אָדער גאָר פון פראָים גריידיקער —
מיין לאַנדסמאַן פון גאַליציע —
ריידן זיי (מיט היץ און אייפער,
אָן אַ טראָפּן מעלאַנכאָליע
און אָן נאָסטאַלגישער טראַדיציע)
וועגן דיר, דעם אייביקן פּאַרטיידיקער
פון גריזשנדיקע ווערים, ניין איילן אין דער ערד.
זיי נוצן קאָלאָמבורן, וויצן,
וואָס האָבן לאַנגע קאָלטנדיקע בערד —
זייער אייגענע מורא צו פאַרטרייבן.
נאָר ווען זיי קומען שפּעט ביינאַכט
אַהיים און בלייבן (אויסגעשעפּטע) זיצן
אין זייערע בלויגעקאַלכטע קאַבינעטן,
הייבן זייערע לייבער אָן צו שוויצן,
און מיט די קאַלטע פינגער נעמען זיי זיך שרייבן
לידער לירישע און אָפּגעמאָסטענע סאָנעטן.
זיי הערן ניט ווי דו האָסט זיך צעלאַכט,
וואַרטנדיק אויף זיי אין פרירנדיקע בעטן.

איציק מאַנגער

צום יינגל מיטן קוטשעראַוון שויבער
און ווילדן חלום אין די אויגן,
איז נאָך ביים שנײדערשן וואַרשטאַט
די גאָלדענע פּאַווע אַנגעפלויגן,
איבערגעקערט דעם קויבער,
אַ קוש געטאָן די בלייכע ליפּן
און אים דערלאַנגט אַ ווײַנשלבלאַט.
אויפן באַנקבעטל בײַנאַכט
האָט ער געהערט די טויבן זשיפּען,
און ווען דער דונער האָט געקראַכט
און צעשפּאָלטן דעם קאַרשנבוים אויף צוויי,
האָט ער איבערגעלאָזט די געזעלן,
דעם טאַטן, די ברידער, דאָס געניי,
און אין דער וועלט אַוועק — צו קנעלן
און מייסטרעווען דאָס יידישע געזאַנג.
(דער זיידע דער בעל־עגלה פון טאַפּטשעט,
האָט אים גערופן „משוגענער פּאָעט").
די לבנה און די שטערן היטן אָפּ זיין גאַנג.

דריי אַלטע סאָוועס אויף אַ צווייג

דריי אַלטע סאָוועס אויף אַ צווייג.
די גרינע אויגן צוגעשלאָסן.
די פֿינצטערניש איז ווי אַ שטייג
מיט לויטער עוולהס און פֿאַרדראָסן.

די שנאָבלען זענען האַרט ווי שטאָל,
קאַלט און פּראָסטיק ווי די שטערן.
דריי סאָוועס חלומען: אַמאָל, אַמאָל
האָבן מיר געקאָנט זיי הערן.

איצט קענען מיר אַפֿילו נישט
פֿאַרנעמען דעם געררויש פֿון ווינטן.
די יאָרן האָבן אָפּגעווישט
דעם לעצטן ריח פֿון היאַצינטן.

מיר פֿוילן איצט ווי געלער מאָך
אויף דאַרע און געליימטע צווייגן.
דריי אַלטע סאָוועס האָפֿן נאָך:
גאָט וועט די עוולה נישט פֿאַרשווייגן.

פייער און שניי

דער ווינט האָט אויסגעריסן
אין פּאַראַיאַריקן גראָז.
היישעריקן און שפּינען
ווייסן ניט פאַרוואָס

זיי פוילן אונטער שטיינער,
צוגעדעקט מיט מאָך.
אויסגעטריקנטע ביינער
וואַרטן אויפן בראָך

וואָס וועט קומען פון אויבן
מיטן רעגנשטראָם,
און וועט זיי צעשטויבן
און שליידערן אין תהום.

שטערן ווי טרערן
וועלן פאַלן אויף זיי.
מיין אָטעם וועט ווערן
פייער און שניי.

אויפן מאַרק

אַן אָנגעלאָף, אַ טומל אויפן מאַרק.
יינגלעך וואַרפן באָדיקעס און דערנער.
תשעה באב. פון געלן בלעטערוואַרג
שפּרינגט אויף אַ הירש מיט שוואַרצע הערנער.

די רויט און ברוין געפּלעקטע פעל
איז אויסגעווייקט פון קאַלטן רעגן,
נאָר זיינע אויגן פינקלען העל
ווען עס גייט דער שטאָט-רב אים אַנטקעגן.

דער רב שטרעקט אויס די דאַרע הענט,
פּונקט ווי ביים דוכענען אַ כהן.
די הייזער ציטערן און ווי פאַרבלענדט
גאַפן קינדער, מאַנסבילן און פרויען.

צום הירש דערנענטערט זיך דער רב.
ער גלעט די קרום-צעדרייטע הערנער.
דער הירש אַנטלויפט. ס׳איז תשעה באב.
יינגלעך וואַרפן באָדיקעס און דערנער.

באַלאַדע פון מיין באָבען אויף דער עלטער

א

מיין באָבע האָט איבערגעלאָזט דעם זיידע
ווען זי איז אַלט געווען זיבעציק יאָר
און אין מיטן מאַרק, בפני כל עם ועדה,
אומגעגאַנגען אין די אייגענע האָר.

דער זיידע האָט געוויינט און געקלאַפּט דעם שטערן
אין די גראָבע ווענט פון דער טשאָרטקאָווער קלויז.
זי האָט חוזק געמאַכט פון זיינע טרערן
און אים איבערגעלאָזט אַ ליידיק הויז.

די בערדיקע סוחרים אין די קלייטן
האָבן איר נאָכגעקוקט מיט שפּאָט און שפּאַס —
נאָר דאָס עלטסטע אייניקל האָט געוואַגט באַגלייטן
די שטאָלצע באָבע פון גאַס צו גאַס.

מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און אַ ווירדיקער מינע
האָט זי געציילט די טריט אויפן טראָטואַר
און אַנטקעגנגעטראָגן שנאה דער שנאה
פון יעדן אָפּגעריסענעם נאַר.

אויפן געפּאַלדעוועטן האַלדז אַ שנור פּאַרביקע קרעלן
און אַ האַלב טוץ רינגען אויף ביידע הענט —
ווי ביי אַ יינגער כלה, וואָס וויל געפעלן,
האָט איר אַלטער שטערן געבליט און געבלענדט
ווען זי האָט איינגעמאָנט ביי געוועלבן און שטעלן
איר וועכנטלעכע צוויי פּראָצענט.

דער שגץ פון דאָרף און דאָס יינגל פון חדר,
דער אָרימאַן, דער שלעפּער און דער גביר,
דער דיין, דער הקדש־ייִד און דער בעדער,
האָבן געקוקט מיט דערשראָקענע אויגן אויף איר.

זי האָט פאַרשיקט אין דער ווייט אירע זין און טעכטער
און איז געבליבן עלנט ווי אַ שטיין.
אוים מורא זי זאָל ניט ווערן לייטיש געלעכטער
איז זי איינגעשרומפּן ווי אַ וואָרצל כריין.

נאָר אין איין אויפדערנאַכט האָט זי פאַרבונדן
אַ קלומיק מיט אַ דינעם שטריק —
און אַזוי אָרום פון שטאָט פאַרשוווּנדן
און קיינמאָל ניט געקומען צוריק.

ב

אַ בריוו וואָס זי האָט מיט יאָרן שפּעטער
געשריבן צום דיין, איר געשוועסטערקינד :
— „מיינע טעג פליִען ווי פאַרוויאַנעטע בלעטער,
געיאָגט פון אַ בייזן, שפּעט האַרבסטיקן ווינט.

ווייט פון דער היים קלויב איך זיך שטאַרבן —
מיינע יאָר אויף דער גרענעץ פון אַכטן טוץ.
זאָלן די אָרימעלייט פונעם הקדש אַרבן
מיין איבערגעבליבן האָב און גוטס.

דער שוואַרצער חנהן : די פאַרצערעוועטע זאָקן.
לאה־הענטשעס : די פאַרלאַטעטע שיך,
און אַלע וואָס האָבן זיך פאַר מיר געשראָקן :
די צעטשערפּעטע טעפּ און טעלער פון קיך.

נאָר די לעפּל־גאָפּל וואָס זענען פאַרזשאַווערט
פון ליגן אין שופלאָד אומבאַרירט:
דיין ווייב וואָס האָט זיך מיט מיר געחברט
און מיידלווייז מיט מיר אַרומגעשפּאַצירט.

אויך מיין שטערנטיכל, אַלט ווי דאָס גלות,
דעם האַרטן מיידלשן גאָרסעט,
דעם פּעלץ מיט די אויסגעקראַכענע פּאָלעס,
די טוכלע ציכן פונעם איבערבעט.

אויך דאָס שייטל וואָס האָט גענערט מיין צאָרן.
און דעם עלטסטן עדות פון מיין צער:
דאָס קלייד אין וועלכן כ׳בין אַ כלה געוואָרן
און געשטאַנען פאַר דער שטאָט ווי אַ נאַקעטער נאַר.

אויך דעם סידור, דעם טייטשחומש און די תחינה —
אויב עס איז נאָך עפּעס פאַרבליבן פון זיי —
שענק איך איר אָן קנאה־שנאה,
און מיט אַ געוויסן ריין ווי שניי.

און דיינע צוויי פאַרזויערטע שוועסטער:
די פּעדערן פון מיין ווינער הוט.
זאָל גאָט מיך שטראָפן אויב איך לעסטער
און לאַך פון מיין אייגן פלייש און בלוט.

איך לאָז אויך איבער פאַר זיי ביידן
אַ פאַרקלאַפּטן קופערט מיט אונטערוועש.
איך וועל צוגרייטן שטולן פאַר זיי אין גן־עדן
מיט פוסנבענקלעך פון געשייערטן מעש.

איצט פיבער איך אויף מיין געלעגער,
עס ווערט מיר קאַלט, עס ווערט מיר היים.
וואָס וועל איך לאָזן דעם וואַסערטרעגער?
איך וועל אים שענקען קאַנען פון מיין פראַסטיקן שוויים.

זאָל ער זיי צעטראָגן אין אַלע שטיבער
און אָנפילן די פעסער ביז צום ראַנד —
זאָל ווי אַן אונטערגאַנג זיך שפרייטן מיין פיבער
איבער דער לענג און איבער דער ברייט פון לאַנד".

ברידער, לאָמיר זיך ניט דינגען

ברידער, לאָמיר זיך ניט דינגען:
מיר האָבן אויפגעהערט צו זינגען.
אַפילו דער ריח פון יאַשמין
דערמאָנט אין האַרבסטיקע לוויהס.
דאָס זשומען פון דער מלכה־בין
איז ווי אַ דערעסענער רעפריין.
זאָגט מיר נישט אַז ניין.
לאָמיר זיך ניט קריגן: אונדזער מאַי איז
ווי אין דעצעמבער אַ וואָרצל כריין.
ניט בעז, ניט רויזן, נאָר אַש אויף שניי
און ראָבן מיט אַ הפקרדיק געשריי.
ניט אַ בליִענדיקער גאָרטן, נאָר אַ טאָל
מיט אויפגעפּראַלטע פּיסקעס אָן אַ צאָל:
אַ בית־הקברות מיט אויסגעשטשירעטע ציין.
זאָגט מיר ניט אַז ניין.
ווו מיר זאָלן ניט גיין
און ווו מיר זאָלן ניט זוכן,
באַגעגנט אונדז אַ מחנה
איינגעשרומפּענע יעוונוכן.
לאָמיר זיך אויפהערן צו דינגען —
אפשר וועלן מיר ווידער
אָנהייבן צו זינגען.

די מאַמע יידיש וויינט

עס איז ניט אַזוי פשוט ווי מען מיינט.
איין געוויין צום צווייטן איז ניט גלייך:
יונגער טוי פאַלט שטיל, נאָר אַז אַ טייך
האָט ביידע ברעגעס ברייט צעפּראַלט,
דערמאָנט עס אין אַ מאַמע וואָס איז אַלט
געוואָרן פאַר דער צייט און וויינט.

עס איז ניט אַזוי פשוט ווי מען מיינט.
שונאים ווילן מיט געוואַלט און גרויל
אויסשניידן די צונג פון מויל.
אָפּגעשונדענע שטיקער הויט
פלאַקערן ווי אותיות פאַרן טויט
אויף שייטערהויפנס, און די בראַנד
גייט נאָך פון לאַנד צו לאַנד.

עס איז ניט אַזוי פשוט ווי מען מיינט.
די גוטע מאַמע יידיש וויינט
אַפילו אין שדה בוקר, ווו אַ ראָב
לאָקערט אויף איר בלוט צעקיילטן קאָפּ.

אַמסטערדאַם

פון פראַנסיס זשאַם

די הייזער — שפּיצעכדיק און אַלט און איינגעבויגן,
ווי אומצופאַלן. שיף־מאַסטן, אין גרוי פון הימל אויסגעמישט,
שטאַרן ווי אַ געפלעכטס פון אויסגעדאַרטע צווייגן,
אין מיטן גרינעם בלעטערוואַרג, און רויט און זשאַווער־ברוין
פון קוילן, ווידערפעל און געזאַלצענע פיש.

ראָבינזאָן קרוזאָ האָט אַמאָל דורך אַמסטערדאַם זיין וועג גענומען,
(אַזוי דאַכט זיך מיר) ווען ער איז פון גרינעם אינדזל צוריק אַהיים געקומען.
זיין האַרץ האָט הויך געשלאָגן, זיינע פיס האָבן זיך קוים געקענט רירן,
ווען ער האָט דערזען די שווערע בראָנזענע קליאַמקעס אויף די טירן.
זיינע אויגן זענען געבליבן הענגען אויף די שטאַנגען
פון די געוועלבטע פענצטער, ווו אין מושטירטע רייען
אַלטע רעכנמייסטערס זיצן איבער דיקע ביכער.
אוים גרוים בענקשאַפט איז אים דאָס האַרץ צעגאַנגען
ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין די גרינע פּאַפּוגייען
וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט און דעם זונשירעם פון צעפליקטע טיכער,
וואָס איז אים אַזוי שטאַרק צוניץ געקומען אויפן טרויעריקן און שפּעדיקן אינדזל.
אָ, ווי וווּנדערלעך — האָט ער אויסגעשריגן — עס זענען דיינע וועגן, גאָט!
נאָר שפּאַנענדיק איבער די שמאָלע גאַסן פון דער שטאָט,
האָט ער זיך פּלוצים דערמאָנט אין זיינע ציגן,
וואָס ער האָט אויפן אינדזל איבערגעלאָזט.

אין פלאָנטער פון זעק און פעק אין האַפן,
האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך זע די אַלטע יידן
גלעטן די אייזנוועגענער מיט זייערע קנעכערנע פינגער —
באַצירט מיט גרינע, שימערירנדיקע רינגען.
זע! אַמסטערדאַם וויל איינדרימלען אונטער די ווייסע ווייעם פון שניי,

און אַ געררוך פֿון נעפּל און קוילן שלאָגט פֿון יעדער הייזער־ריי.
די געבייכטע בודעס (ווו אין די נעכט גלאַנצט אויף אַ בלייכער לאַמפּנשיין,
אויף שווערלייביקע און העשנדיקע פֿרויען),
האָבן נעכטן אָונגט אויסגעזען ווי שווערע קירבּיסן, ווי רייפֿע פֿרוכטן צוגעדעקט מיט טויען.
פֿלאַקאָטן האָבן אויפֿגעמיניעט — בלוי און רויט און גרין, אין איין געדיכטן קנויל.
אַ האַרבער ריח פֿון צוקערדיקן ביר האָט געבריט אויף מיין צונג, אויף מיין מויל.
און אין די יידן־גאַסן: אַ גערוך פֿון קאַלטע, רויע פֿיש.
אויף די גליטשיקע טראָטואַרן — אָפּפֿאַל און שאָלעכץ פֿון מאַראַנצן.
אין אַ געשוואָלענעם וואַסער־קאַפּ — שמאָלע, טרויעריקע אויגן גלאַנצן.

רבקה, דו פֿאַרקויפֿסט פֿאַרשוויצט צוקערוואַרג אויפֿן מאַרק,
אַנגעוואָרפֿן אויף שמאָלע טישלעך — ענג און קאַרג.
דער הימל שטראָמט (ווי אַן אומזעבאַרער ים) פֿון דער הויך
מיט וואָלקנכוואַליעס אין די אָפֿענע קאַנאַלן.
אַ שטילקייט הענגט איבער דער האַנדלשטאָט, אַ דיקער רויך
איז פֿון די הויכע דעכער אַראָפּגעפֿאַלן,
און אינדיע האָט זיך אָוועקגעשטעלט פֿאַר מיינע אויגן — שטאַר פֿאַרגלאָזט.
אין חלום בין איך געווען איינער פֿון די רייכע לייט
וואָס פֿליען דורך אַמסטערדאַם זיך לאָזן אין דער ווייט,
קיין כינע אַזש. ווי ראָבינזאָן האָב איך אַ געטרייעם דינער אין דער היים געלאָזט.
מיין מסחר האָט געבליט, ווי אין לבנה־שיין אַ שטראָל
וואָס איז אויפֿן שנאָבל פֿון מיין זעגלשיף געזעסן.
די האַרן פֿון באַמביי האָבן מיין רייכקייט ניט פֿאַרגעסן
און נאָכדערציילט די וווּנדערס און די שיינקייט פֿון מיין קרעפֿטיק ווייב.
דער מאַגול האָט געשיקט אַ מור מיט גאָלדענע רינגען צו האַנדלען מיט מיר.
ער האָט אַוועק געשטעלט דעם שירעם ביי דער טיר
און פֿון זיינע ווילדע מעשׂות האָט דאָס האַרץ פֿון מיין עלטסטער טאָכטער אויפֿגעשלאָגן.

ביים געזעגענען זיך האָט ער אַ רובינפּאַרביקן געוואָנט איר אונטערגעטראָגן,
און ווי אַ שקלאַף זיך טיף פאַרנייגט פאַר איר.

בילדער פון מיינע ליבסטע האָב איך דערנאָך באַשטעלט
ביי אַ באַרימטן און געשיקטן מאָלער — מיין ווייב מיט העלע, רויזיקע באַקן,
באַלייבט און שיין,
די זין — באַרימט מיט זייער גבורה אויף דער גאַנצער וועלט,
און מיינע טעכטער — פראָסט און צניעותדיק און ריין.

און אַזוי וואָלט איך געוועזן היינט — ניט דאָס וואָס איך בין.
אַן אַנדערער. נאָך לאַנגע רייזעס, פול זון און זין.
און רייך אין יאָרן — וואָלט איך זיך אָפּגעשטעלט דאָ ביי אַן אַלטן הויז ביים ים,
און מיין האַרץ וואָלט אויפגעציטערט פון די פראָסטע ווערטער:
אַמאָל האָט דאָ געוווינט אויך פראַנסים זשאַם.

פאַרצייכענונגען פון אַ רייזע
אין די קאַריבייִשע אינזלען

אויטאָ־דאַ־פע

שיף אָן זעגלען, ווו האָסטו מיך געפירט,
איינגעשניטן אינעם רעגנבויגן
וואָס האָט מיין פנים אָנגערירט
און דאָס בלוט פון מיר אַרויסגעצויגן.
דיין פאָן איז פרעמד פאַר מיינע אויגן.

דאָס יויזל אויפן באַרג אין דרום
ביים האַפנבערג פון ליסאַבאָן,
באַגעגנט דיך מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס —
נאָר איך זע שייטערס אויבנאָן
און אין מיין הארצן קריכט אַרום אַ וואָרעם.

דער רעגנבויגן בלייכט, די כוואַליעס שוימען.
איך גאַף אין וווּנדער און איך זע:
אין אויפגעפּראַלטן רויך פון קוימען
צעקוילטע אברים פון אויטאָ־דאַ־פע.

אין ליסאַבאָן

דאָ אויף די געסלעך, ענג און קרום —
די קליאַמקעס אויף פֿאַרפֿוילטע טירן
אָפּגעבליאַקעוועט ווי אַלטער מינץ —
שפּאַן איך אום איצט טויב און שטום,
און וואַרט אַז עמיץ זאָל מיך פֿירן
צום אָרט ווו ס׳האָט צום ערשטן מאָל דער פּרינץ
פֿון יענער זייט סמבטיון זיך באַגעגנט
מיט שלמה מולכון. ס׳איז אָוונט און עס רעגנט.
גלחים שלייכן שטיל אַרוים פֿון לעכער
און רינגלען מיך אַרום פֿון אַלע זייטן.
אויף טורעמדיקע קלויסטער־דעכער —
אויסגעווייקטע טויבן בייטן
פּלוצים זיך אויף שוואַרצע קראָען
אין מיטלאַלטערלעכע שעהן.

אַלבאַטראָסן

די זון האָט גאָלד און קופּער אויסגעגאָסן
אויף דער לענג און ברייט פון וואַסערפלאַך.
די בערג אויף ביידע זייטן ווערן וואַך.
די שיף באַפאַלט אַ טשאַטע אַלבאַטראָסן
מיט ווייס און גרוי געפלעקטע פליגל
און שנאָבלען ווי פאַרפרוירענער מעטאַל.
די אויגן מיידן אוים דעם זונגעפּראַל.
אין ברוכשטיקער צעפאַלט דער גלִיענדיקער שפּיגל.
וואָס ווילן זיי געפינען אין געפילדער?
ווי שפּיר־הינט נאָך אַ פינצטערן גערוך
ווערט מיט יעדער רגע וואַכער זייער ניוך
און פליגל פלאַטערן אַלץ ווילדער, ווילדער.

ווי אַן אויסגעלאָשענער שוואַרצאַפּל
שווימט די שיף אַריין אין האַפן פון נעאַפּאָל.

דער חלום

דער חלום איז מיר נאָכגעלאָפֿן
אין שאָטן פֿונעם חדרשן לאַמטערן.
שניי גרייכט ביז די קני. קאַלטע שטערן
טויכן אויף אין חומשדיקע סטראָפֿן.
דורך שמאָלע סקריפּנדיקע טירן
קומען איינציקווייז אַרום די אָבֿות
אין בלענדיק־ווייסער טראַכט. דער שלאָף איז
אויסגערונען און אַלע וועגן פֿירן
צו ברייטע מדבר־דיקע פּלוינען.
די ערד איז פֿעט, דער זאַפֿט פֿון טרויבן
ריזלט ווי אַ זומערשפּריי פֿון אויבן
און גאָלד איז איינגעשפּריצט אין צעדערקרוינען.

פֿון זונצעגליטע טראָטוואַרן
ווילדע זומערבלומען שטאַרן.

אויפן וועג פון באר־שבע קיין ערד

א

זוך אויס די פּשוטסטע און מינדסטע ווערטער,
אַבי זיי לייגן זיך נאָר אויס צום גראַם.
זיי ווי אַ קינד, פאַרזוך דעם טעם
פון שפּירן אויף דיין הויט דער מוטערס ערשטן הויך.
דאָס זענען ניט קיין אויסגעטראַכטע ערטער.
אויף לימבערג, איינגעהילט אין וואָלקנרויך,
אויף גרינע שפּעדיקע פּלאַכן —
גאָטס אויג וועט שטענדיק אויף דיר וואַכן.

גיי האַנט אין האַנט מיט דיין געליבטער פרוי
ווו פינטלדיקע מידבר־בלומען גלאַצן,
זע ווי די זוימען הייבן אָן צו שפּראָצן
און גראָזן פלאַטערן אין מאָרגנטוי.

דאָרט ווו די אָבות זענען אומגעגאַנגען
וועסטו שפּינען דיינע ליכטיקסטע געזאַנגען.

ב

אָ, ווי עס האָט אונדז צוגעשפּילט דאָס וועטער —
אינדיאַנער זומער אין מיטן יאַנואַר.
די זון, אין פילקאָלירן ווירוואַר
פון קרוכלשטיין און אין געפלעכט פון בלעטער,
האָט מיליאָנען פּראַלנדיקע אויגן
אַראָפּגעלאָזט אויף באַרג און טאָל.
אַן איינגעשרומפּן אייניקל פון ישמעאל
ליגט ביי זיין קעמל אויסגעצויגן.

די טאַרבע אויף זיין שפּיצעכדיקן הויקער
איז אָנגעפּראָפּט מיט זאַקרויב פון דער נאַכט.
דאָס מעסער, אויסבאַהאַלטן אין זיין טראַכט,
בליצט ווי דער מאָרגנשטערן כאור הבוקר.

ער הייבט זיך אויף און זוכט אַ וואַסערלאָך —
די לופט ווערט פּלוצים פייכט ווי פּאַר אַ וואָלקנבראָך.

ג

„קום מיט מיר". איך האָב דעם רוף געהערט
און בין דעם שאָטן נאָכגעגאַנגען,
ווי אַלטע לייט פאַרווירטע קלאַנגען
ניין איילן טיף אונטער דער ערד.

שטערן גלימערן. ס'איז יאַנואַר.
שטרעק אוים אַ האַנט זיי אָנצורירן.
פּיאָלעטע טרויבנהויטן פרירן
און פּלאַצן אונטער טריט פון זייער האַר.

דער באַרג פון אדום — אייז און שניי.
אין דער לבנהם בלייכע רינגען
ישראלס יונגע זין און טעכטער זינגען.
„קום מיט מיר". איך הער דעם רוף און גיי.

ס'איז ניט קיין חלום וואָס איך האָב געהאַט
אויפן וועג פון באר־שבע קיין ערד.

בית אל

איך האָב אויך אַמאָל געקלעטערט
אויף יעקבס לייטער, טרעפּ נאָך טרעפּ,
געהערט אין חלום ווי דער דונער שמעטערט.
געזען פון בליץ די פלאַקערדיקע צעפּ.

איך האָב אויך אַמאָל אין חרן
געפונען פאַר מיין קאָפּ אַ שטיין,
געהערט גאָטס קול ווי פון אַ האָרן,
געזען די זון דאָרט אונטערגיין.

ווען כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט באַגינען,
האָב איך אַ גאַנצן קרוג מיט אייל
געגאָסן אויפן שטיין. טראָפּנס רינען
נאָך איצטער אין אַן אַלטער הייל.

איך זוך דאָס אָרט נאָר קאָן עס ניט געפינען.
ווען וועסטו, גאָט, מיך ווידער ברענגען אין בית אל?

רויבפייגל

יאַסטרעבס מיט אָפּגעפּליקטע פליגל
דרימלען אין שמאָלע פעלדזנשפּאַלטן.
די הויקערדיקע שנאָבלען אויסבאַהאַלטן
אין גרויען קיזלשטיינערדיקן עיגול,
ווו עס וואָיען זאַווערוכעדיקע ווינטן.
אויסגענאָגטע ביימער שטרעקן
לאַנגע ביינערדיקע פינגערשפּיצן
צום הימל, צעקאַטעוועט מיט שרינטן,
און צו די פעלדזן ווו די יאַסטרעבס זיצן —
אָנצורירן זיי און אויפצוּוועקן.
פון ווייטע שנייבאַדעקטע פּלוינען —
— אין בערנפעל און מיט זיין פיילנבויגן
קומט נמרוד מיט רציחה אין די אויגן.
די יאַסטרעבס ווייסן: אויך זיי וועט ער ניט שוינען.

צום פייגנבוים

פייגנבוים, אונטער דיין אָפּגעשיילטער קאָרע
ריזלט נאָך אַ וויניק־טערפּקער זאַפט.
דעם שונאס האַנט האָט ניט געהאַט קיין האַפט
צו מינערן דיין קראַפט, קיין עין הרע.

אָפילו איצטער רוישסט דו נאָך צעבלעטערט
מיט אַלע ביימער, אין דער צייט פון יאָר
ווען בליצן פליקן זייערע ווילדע האָר
און ווען דער דונער בייזערט זיך און שמעטערט.

לאָז מיך אין דיין דרימלענדיקן שאָטן
זוכן און געפינען ווערטער פאַר אַ ליד,
און אין דעם פאַסטעך וואָס האָט דיך געהיט
כאָטש זוכה זיין אַ ביסל צו געראָטן.

די קאָרע און די בלעטער שווייגן.
פון צווייגן פאַלן זאַפטיק־פולע פייגן.

אויף רחוב לייוויק, תל אביב

דעם משוגענעם כאַמסין
פאַרטרייבט אַ קאַלטער ווינט פון צפון.
שמאָלע שויבן שטייען אָפן.
איך ווייס ניט ווו איך בין.

דאָס שילדל אויפן הויזביים ראָג —
אַ ביסל קרימלעך אויסגעבויגן —
שניידט זיך איין אין מיינע אויגן.
דאָס האַרץ צעוויגט זיך ווי אַ גלאָק.

אין שפּאַלטן פון דער גאַס פאַרקריכן
מיינע טעמנע זעכציק יאָר.
די לבנה, ווייס ווי דיינע האָר,
נידערט אינעם ים התיכון.

איך שטיי און גאַף: עס פאַלט אויף מיר
אַ ווייסער שניי ווי אין סיביר.

יידישע פּאָעטן

פּאַרוואָס איז זיי געווען באַשערט
צו שלעפּן זיך אין פּישקעס בויד
און אָנקומען צו בעטלברויט
אויף אַלע פּלאַכן פון דער ערד?

זיי האָבן קערנדלעך פּאַרזייט
און אייגעעקשנטע געוואָרט
אַז טרערן זאָלן ברענגען פרייד.
דער חלום האָט זיי אָפּגענאַרט.
זיי האָבן, זעענדיק ווי אַלץ פאַרדאַרט —
געטריבענע פונעם שונאס רוט —
די פליגל ווידער אויסגעשפּרייט
אויף טאָלן מיט פאַרפלייצטן בלוט.

פרעמדע און פאַרשעמטע זענען זיי
איצט אויף דיזנגאָף און איסט בראָדוויי.

יאַנואַר, 1966

אין די קאַריבייאישע אינדזלען

נאַכט אין די אַנטילן

אַ קאַרליקל, אַ ליז, מיט קרעץ און גוליעס,
לעשט אויס די זון. די נאַכט קומט אָן אויף קוליעס
און שפּרייט אַ שווערע פלאַכטע אויס
אויף באַרג און טאָל און אויף דער רויז
וואָס דאַרשט אַ גאַנצן טאָג נאָך רעגן.
אַן אייזעלע בלייבט שטיין — פאַרשלאָפט פון הייסע וועגן —
לאָזט די לאַנגע אויערן אַראָפּ און טראַכט:
זאָל אייביק דויערן און הויערן אויף מיר די נאַכט.

דריי מאַדריגאַלן

1

מיר זינגען שוואַרצע לידער,
שוואַרץ ווי אונדזערע אָבות,
און ווי דער לאַנגער שלאָף איז
פֿון אונדזערע ברידער.
די רוקנס איינגעבראָכן —
נאָר מיר זינגען.
ווי לאַנצעטן קלינגען
אָדערן און קנאָכן.
עס פּלאַצן לעדערנע פּויקן,
פֿון פּאַלמעס רינען
טראָפּנס גאָלד אין אונדזערע אויגן.

2

שטערן פֿאַלן
אויף אייניקלעך פֿון קאַניבאַלן.
מיר כאַפּן זיי ווי פֿיש אין נעצן,
און זינגען — באַגלייט פֿון פּויק און האָרן.
שפּעטער קניִען מיר און פֿאַלן
צו די אָפּגעבליאַקעוועטע געצן
פֿון גלחים און קאָנקוויסטאַדאָרן.

3

אין אונדזערע אויגן שלאָפֿן קראָקאָדילן.
וועק אונדז ניט אויף, מיר ווילן
חלומען פֿון טונקעלע ברעגעס
און שליימיקע וואַסערן. דער וועג איז
אָפּגעשלאָסן פֿון הינטישע ווינטן
און פֿון אַ טאָל אַ שווער־צעגרינטן.
אין שלאָף קענען מיר הערן
דעם שטילן גאַנג פֿון שוואַרצע טרערן.

דער שאָרך פֿון טויטע

איך זיץ אין שאָטן פֿון פֿאַרדאַרטע קשאַקעס,
ניט ווייט פֿון ים דעם גאָלד־געפֿלעקטן.
דאָס זאַמד איז פֿול מיט מושלען און מיט ראַקעס,
מיט שלומאַקעס און גליטשיקע אינסעקטן.
די זון הענגט אויף אַ דינעם פֿאָדעם —
אַ קירבעס פֿון פֿאַרבלענדנדיקע קאַרבן.
איך הער דעם שאָרך פֿון טויטע, זייער אָטעם,
און עס גלוסט זיך מיר ווי זיי — צו שטאַרבן.

קאַליפּסאָ

איבער די בערג,
די איינגעדרימלטע
פֿאַרשימלטע בערג,
איבער די בערג
פֿון טרינידאַד —
הענגט די לבנה
געהילט אין בראָקאַט,
אַ שוואַרצע לבנה,
וואָס טריפֿט פֿאַרראַט
אויף די איינגעדרימלטע,
פֿאַרשימלטע בערג,
די געקייטלטע בערג
פֿון טרינידאַד.

אונטער די בערג,
די קיזלשטיינערנע,
ביינערנע בערג,
אונטער די בערג
פֿון טרינידאַד —
טאַנצן שאַרבנס
אין אַ קאַראַהאָד,
פֿאַרפֿוילטע שאַרבנס
וואָס שרייען פֿאַרראַט —
אונטער קיזלשטיינערנע,
ביינערנע בערג,
די פֿאַרשאָלטענע בערג
פֿון טרינידאַד.

לאַנד פון מיליאָנען אויגן

אַ בלייערנער פויגל מיט פליגל פון שטאָל
האָט צעשטאָכן דעם הימל, אַוועקגעפלויגן,
און איבערגעלאָזט אַ ווידערקול
אין דער לאַנדשאַפט פון מיליאָנען אויגן,
וואָס האָבן מיט וווּנדער אויפגעפּראַלט.
כרעזאַנטעמעס און היאַצינטן
האָבן זיך גלעקלדיק צעשאַלט
אין זונגעוועב פון דרום־ווינטן.
און איך — באַצוווּנגען פון געוואַלט,
פאַרשיכורט פון פּילקאָליריקע בינטן —
הער נאָך אַלץ דעם ווידערקול
פון פויגל מיט די פליגל פון שטאָל,
וואָס האָט געשאָטן מיט קאַלטן שרויט
און פליט צוריק צום טאָל פון טויט.

געלע פֿייגל

געלע פֿייגל, די פֿליגל אָנגעשפּאַנט,
בויערן אַ טונעל אין הייסן ווינט.
איך מאַך די אויגן צו, לאָז אָפּ די האַנט
און שפּיר ווי צווישן צישנדיקע צווייגן
אַ שוואַרצער חלום איז פֿאַרשפּינט
אין געלקאָליריקןווירוואַר.
ווערטער, זונגעשפּריצטע דראַכן,
שפּרינגען אויף, זיי לאַכן
און מאַכן מיך צום נאַר.

אין דער פרעמד

מיר עלטערן זיך אין אַ לאַנד
וואָס איז ניט אונדזער לאַנד.
מיר זענען ניט ווייס, ניט שוואַרץ.
פון דער זון איז אויסגעברוינט
די הויט און האַרט ווי אַרץ.
האָט זיך עס געלוינט —
מיט אַ קמיע און אַן איינציק העמד
צו קומען אין דער פרעמד,
פאַרזייען זוימען אין דער געלער ערד,
וואָס איז ניט —אונדזער ערד,
און ווערן דאָ צוביסלעכווייז פאַרצערט?

דער מצורע, פֿאַרשטעקט אין אַ ווינקל פֿון אונדזער אַלקער, קען ניט וויינען און קען ניט לאַכן

דער מצורע וויינט ניט. אָפּגעזונדערט
הויערט ער אין ווינקל מיט די קרעץ —
אַ צוגעווווינטער צו זיין דאָליע.
ער ציילט פֿון איינס ביז הונדערט:
קרעץ — ווי טויטע פֿישלעך אין אַ נעץ —
ווי אָפּגעבליאַקעוועטע גראָשן.
איינס... צוויי... פּאַוואָלינקע, פּאַוואָליע
ווערן זיינע בלוטן אויסגעלאָשן.

דער מצורע לאַכט ניט. אויסגעקראָכן —
די וויִעס וואַלגערן זיך אין שטויב.
די מורא פֿאַרן שלאָף — אַ שפּיגל,
צעשפּליטערט און צעבראָכן.
איינס... צוויי... אומגעציפֿער, דרויב —
(עס נעמט אים אָפּ דאָס לשון) —
טאַנצן אין אַ ווירבלדיקן עיגול.
דער מצורע קען ניט זען, ניט הערן.

דער מצורע קען ניט זען, ניט הערן.
די זון גייט אויף, די זון מוז אונטערגיין,
און פֿאַרביקע פֿייגל וועלן שטענדיק לאַכן.
ווערבעס ווערן אָנגעזאַפּט מיט טרערן.
ער קען עס ניט, ער קען עס ניט פֿאַרשטיין.
די קרעץ, ווי אָפּגעבליאַקעוועטע גראָשן,
בריִען זיינע אברים ביז זיי קראַכן.
פּאַמעלעך ווערן זיינע בלוטן אויסגעלאָשן.

אין פארשטיינערטן גארטן

די לעצטע סטאַנציע

1

שוואַרצזועער מיט שוואַרצע שפּרוכן
האָבן מיך געפונען אין אַ שאָטן פון אַ בוים,
אין שאָטנס פון טורעמשפּיצן
וואָס שניידן דורך די הימלען.
די עפּל וואָס זענען געפאַלן אין מיין שוים
האָבן אָנגעהויבן באַלד צו שימלען.
שוואַרצזועער האָבן מיך אַרומגערינגלט
אין טשאַד פון חלבנע ליכט,
איינגעקייטלט אינעם אָסיענווינט
וואָס לעשט דעם מאָרגנשטערן אויס
און צערייסט די שקיעה מיט געוואַלט.
טורעמס קראַכן און דער חלום צעפאַלט.

2

פאַרגילדעטע ראַמען פון מיין שפּיגל
ביי וועלכן עס גייען מיינע טעג אַוועק — ·
ווי געקוילעטע הינערשע מינוטן,
ווען גרויע און רויטע פליגל
שלאָגן זיך אויף האַקנס,
און דין בלוט רינט,
און די רער פון האַלדז און נאַקן
ציט אַראָפּ זיך נידעריקער
ווי אין אַ טאָל דער ווינט.
מיין האַנט איז צוגעבונדן צו די געלע פים
מיט אַ וואַרעמער און ווייכער קייט.
געדיכטע, שווערע טראָפּנס רינען גיך
אין דער גרויקייט פון מיינע שיך

און גיסן זיך אַריין אין מיינע פּיס.
אויסגעפּליקטע פעדערן באַפּוצן מיינע שלייפן
מיט אַ צעווילדעוועטן דיאַדעם.

3

פאַרגילדעטע ראַמען פון מיין שפּיגל
ביי וועלכן עס גייען מיינע טעג אַוועק —
מיט ווינטן אויסגעקאָוועט ווי מיט טשוועק.
וועט דורכגיין עמיצער און פרעגן
צי וווינט אַ קעניג דאָ
וואָס ריכט אָפּ סעודות
ביז אין דער שפּעטסטער שעה.
דערנאָך זעצט ער זיך אַוועק,
קוקט אויף זיין פּנים, אויף די הענט —
פאַרברענט שוואַרצע קרייטעכער
און באַצייט זיין לייב מיט זיי.
וועלן זיך עפענען די טירן,
און דעם שפּיגל וועט באַצירן
אַ מיידלשע געשטאַלט?
וועט קומען רות מיט אַ פּנים
צעקנייטשט פון האַרבסטיקע ווינטן,
מיט ווייץ- און גערשטן-בינטן,
און פרעגן: וווינט דאָ אַ קינד
וואָס גייט צום זונפאַרגאַנג?

4

גראַנאַטענע נעכט — מיינע געלע טעג.
גראַנאַטענע נעכט — גרויער אַספאַלט
וואָס וויינט אויס מיין גאַנג.
געפאַלדעוועטע טרעפּ אַראָפּ און אַרויף,

ווענט מיט ברילִיאַנטן אויסגעזעצט,
וויינען איבערן טויט פון מיין טאַטן.
ווער וועט קומען אים באַגראָבן?

זיבן טעג זיץ איך מיט אַנטבלויזטע פיס.
קיינער קומט ניט ברענגען פרייד אין שטוב.
אַלע שפּיגלען זענען צוגעדעקט.
אַלע פינגער פון מיין טאַטן —
פאַרשימלטע און אויסגעשטרעקט.
ווער וועט קומען אים באַגראָבן?

5

שוואַרצע מוזיקאַנטן, שוואַרצע מוזיקאַנטן,
איילט זיך, איילט זיך אין דער נאַכט אַריין!
אַזוי קיילעכיק איז זי און אַזוי גרויס,
און גרויס איז אויך אַזוי די שוואַרצע חופּה.

פירט אַרונטער די כלה.

טרובעט אין טרובעם! בלאָזט אין טרובעם!
וואַרפט אַוועק די טרובעם! שרייט!
שרייט אַריין אין דער שוואַרצער נאַכט.
אָט אַזוי, אָט אַזוי וואָיעט אייער בלוט.

פירט אַרונטער די כלה.

שוואַרצע מוזיקאַנטן, שפּילט, שפּילט.
אייערע קעפּ וויכערן אין דער נאַכט.
אייערע הענט זענען אָפּגעריסן.
שליידערט קללות אין דער טויבער נאַכט.

פירט אַרונטער די כלה.

ווער וועט צינדן די ליכט אונטער דער חופּה?
ווער וועט אַראָפּרייסן דעם שלייער פון דער כלה?
ווו וועט מען פירן די כלה אין דער נאַכט,
אַז אַלע טירן זענען צוגעריגלט?

6

עס טוליען זיך צו מיינע פיס די הינט
וואָס מען האָט מיט שטעקנס אַ גאַנצן טאָג געטריבן.
עס טוליען זיך צו מיינע פיס די הינט
און איך בין זייער קעניג.
רויטלעך-בלייכע רויזן פון אַ זונה
וויקלען אַרום מיין מלכותדיק לייב.
עס פאַלט אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל
אויפן בויג פון מיינע קני.
אָפּגעריסענע רויזן פון דער נאַכט
וואָס האָבן זייער ריח פאַרלוירן,
ווען אַ ווילדע בין האָט מיר
אַ שטאָך געטאָן אין פּנים.

7

טורעמס הויכע אין קראַנקן שאַרלאַך.
די מוטער וויינט אויפן טויט פון איר מאַן
ווען מען הייבט אים אָפּ פון בעט
און מען ברענגט אים צו דער ערד.

אַ שטיינערנער, אויסגעבויגענער טויער,
אָן טירן און אָן פענצטער.
טורעמס ברענען. אַ טראַם פאָרט אָן.
איך האָב לאַנג געוואַרט,
ביי אַ פאַרקן אָנגעשפאַרט.
איך פאָר אַליין אין טראַם.
דער קאָנדוקטאָר איז שלעפעריק.
ער זאָגט: דאָס איז די לעצטע סטאַנציע.

גוג ומגוג

ער איז געקומען מיטן גרויען ווינט,
מיט אַ גרויער טאָרבע אַרום די לענדן.
פון אַלע זייטן ווו ער טוט זיך ווענדן
הערט ער דאָס בילן פון משוגענע הינט.

עס דונערט דער מעשענער גלאָק
אין פינצטערן טורעמל פון קלויסטער.
ווילדער און אויפגעברויזטער
גייען אים אַנטקעגן גוג ומגוג.

מיט קאָסעס און מיט שטומפּיקע העק
שפּרינגען רוצחים אַרויס פון כאַטעס.
ער שעפּטשעט : „אוי, גאָטעניו, אוי, טאַטע,
טו אָפּ, איך בעט דיך, פון מיר די שרעק.

און שענק מיר דיין באַרעמהאַרציקן הויך.
אַז ווען זיי וועלן מיר מיין בלוט פאַרגיסן
זאָלן זיי דיין גנאָר מיר ניט פאַרמיאוסן".
גאָטס פייער-פלאַם גייט אויף אין וואָלקנס רויך.

אַפּאָקאַליפּטיש ליד

אונטער אַ פּאַרטריקנטן בוים אין צפון
זיבן וויזיגאָטן ליגן און שלאָפן.
צוקאָפּנס — זייערע פאַרזשאַווערטע ביקסן,
צופוסנס — מאָך און ווילדע געוויקסן.

דער שטאַם איז צעשטאָכן מיט היראָגליפן,
פון די צווייגן בלוט און אייטער טריפן.
קראָען קראַקען און קאַלמיקן
קומען אין האָרדעס ווי היישעריקן.

זיי קומען פון מזרח צום פראָסטיקן צפון
ווו די וויזיגאָטן ליגן און שלאָפן:
צוקאָפּנס — זייערע פאַרזשאַווערטע ביקסן,
צופוסנס — מאָך און ווילדע געוויקסן.

ניט דער ווינט — די קאַלמיקן האָבן פאַרשאָטן
מיט שרויט די אויגן פון די וויזיגאָטן.

אין פאַרשטיינערטן גאָרטן

איך שווים אין שטראָם — אַן אָפּגעריסן ריטל.
תהלים־זאָגערס, זאָגט פאַר מיר דאָס אַכצנטע קאַפּיטל.

1

אין פאַרשטיינערטן גאָרטן וויאַנעט דאָס גראָז
אונטער דער ערד. אַ הייזעריקע קאַטערינקע
גרימפלט אוים אַן אָפגעבליאַקעוועטן וואַלס,
באַגלייט מיט שמאַלץ־טענער פון כינקע־פינקע.
אַ לעמפערט מיט אַן אָפגעהאַקטער נאָז
גרויסט זיך מיט זיין קויט־באַפלעקטן האַלדז.
די גאָלדענע פאַווע ליגט דערשטיקט. וואַנדאַלן
פאַרטרייבן דאָס געזאַנג פון נאַכטיגאַלן
און שיילן אָפ די לעצטע בלעטלעך פון דער רויז.
די בייטן פוסטעוועז ווי אַן עקרהם שוים.
אין פאַרשטיינערטן גאָרטן איז איצטער נאַכט.
אויף צווייגן דרימלען פאַרשימלטע סאָוועס.
זיי שווייגן אַפילו ווען די לבנה לאַכט
און די שטערן שפריצן מיט סם המות.

2

אין פאַרשטיינערטן גאָרטן, נאָך זונפאַרגאַנג,
פאַלן פון בלעטער קופערנע טרערן
און פיקסלעך וואָיען אין בלוטיקן שניי.
נאָר דער בלינדער האָצמאַך און ציגנעטאַנג
טאַנצן אַ שער צו פאַרפרוירענע שטערן
אין פאַרשטיינערטן גאָרטן איסט בראָדוויי.

די וואָראָנע קראַקעט, די זשאַבע קוואַקעט
און די סאַמעטענע דרייצנפוסיקע שפּין
הערט זיך צו ווי דער ווינט באַלאַקעט
ווי אַן עובר בטלדיקער מאַנדאַרין.

אין שטיינערנעם גאָרטן, נאָך האַלבער נאַכט,
ווימלט ווי אין אַ חסידישער קלויז.
עס דאַכט זיך אויס אַז אַ דונער קראַכט —
נאָר אין ווינקל דרימלט אַ שטיינערנע רויז.

אַפילו אונדזערע ייִנגסטע זינגער...

יעקב גלאַטשטיינען

א

די דינע ליניע פון דאָ און דאָרט,
דאָס שמאָלע שנירל פון מיר צו דיר:
אַן אות, אַ שורה, אפשר גאָר אַ וואָרט.
ניט אליהו עפנט אויף די טיר
און פלאַטערט מיט די פּאָלעס
ווי פייערפליגל און פאַרשווינדט —
דער בראַצלאַווער וואָגלט אַלץ אין גלות
און יאָסל לאָקש שמייכלט ווי אַ קינד.
אַ בלייערנער רעגן קאַפּעט קראַנק און פויל.
דער רינשטאָק איז פאַרשטאָפּט. פון קײלערס מויל
רינט בלוט ווי זשאַווער אויף אונדזער גאַס.
די זון באַהאַלט זיך אין איר פוטערפאַס.

ב

אַפילו זונבלומען בייגן זייערע קעפּ
אין גערלבלענדיקן ווירוואַר פון זונפאַרגאַנג.
טונקעלע פייגל פּיקן זייערע אויגן אויס.
דער ווינט פאַרטראָגט דעם שאָרסטקן שטויב
פון קערנער און פון יעדן קרישלדיקן בלאַט.
זיי וואַרטן שטום, פאַרשעמט און אויסגעהוילט,
ווי בלינדע בעטלער אויף אַ יאָר־יאַריד
און ווי די קראָפּיווע — באַדעקט מיט קרעץ.
דער לבנהס זילבער מיידט זיי אויס —
נאָר דער חלום טוט זיי אָן אַ קרוין פון גאָלד.

אַפילו אונדזערע ייִנגסטע זינגער
טראָגן די אָפּגעבליאַקעווטע קרוינען
אויפֿן שיטערן שניי פֿון זייערע פּליכעס.
פֿאַרמעטענע פּנימער, איינגעשרומפּענע פֿינגער —
ווער וועט זיי שוינען און באַלוינען?
ווער וועט געדענקען זייער סאַמעטענעם יחוס
אין דלת אמותדיקן אַלקער ווו זיי וווינען?
מיט דיר איז אונדזער צער אַ ביסל גרינגער.

שענק מיר ניט קיין בלומען

שענק מיר ניט קיין בלומען,
זיי וועלן באַלד פאַרוויאַנען.
ברענג מיר ניט קיין וואַסער,
עס זשאַווערן די קאַנען.

איך האָב פיינט די ריחות
פון רויזן און נאַרציסן —
בייזע רוחות האָבן
אונדז לעבעדיק צעריסן.

עס שפּאַרן נאָך פון קוימענם
רויכן — רויטע קנוילן —
אונטער בליִענדיקע פעלדער
קינדער-ביינער פוילן.

שאַרל באָדלער צו זיין מוטער

קום מיט מיר, מוטער, איך וועל דיך פירן
אין די טונקעלע היילן פון מיין געהירן,
ווו עס פּיקן פייגל און עס גריזשען מייז —
קום מיט מיר אויף מיין געלעגער פון לייז.
נעם ניט מיט זיך דיין זיסן גערוך,
דיינע הענט פון זייד, דיינע האָר פון פוך.
דער ליכטיקער סאַמעט פון דיין שטערן
וועט ביים ערשטן אַריינגאַנג פינצטער ווערן.
אַ גרינער וואָלקן איז מיין שוועל,
די פלעדערמויז איז מיין געזעל —
זי וועט מיט צוגעמאַכטע אויגן
אַריבער דיין ווייסן לייב זיך בויגן,
און מיט שטעכיקע, געשפּריצטע עקן,
מיט פלאַטערפליגל דיך איבערדעקן.
קום מיט מיר, מוטער, שטעל זיך ניט אָפּ
פאַר די אָפענע ווונדן אויף מיין קאָפּ.
לייג דיינע שלאַנקע, געצערטלטע פינגער
אויפן נאַקעטן לייב פון דיין זון דעם זינגער.
און האַנט אין האַנט און לייב צו לייב,
און ליפּ אויף ליפּ — מיין מוטער, מיין ווייב —
אין די טונקעלע היילן, אויף געבראָכענע טרעפּ,
ביז אַ ליכט וועט אויפגיין איבער אונדזערע קעפּ.

אַ בריוו פון פּאָל ווערלען צו אַרטור רעמבאָ

ווייל דאָס איז ניט די זון, ניט קיין פענצטער, ניט קיין מויז אונטערן בעט —
איך שפּיר דעם ברוד פון ליילעך אונטער מיר, דאָס לייוונטענע העמד —
זענען עס מיינע ליפּן וואָס שווייגן און דאָס פּאַפּיר וואָס רעדט:
ווייס, מיין טרויעריקער קאָפּ איז טרוקן, ברודיק און ניט פאַרקעמט.

ווו זענען דיינע פינגער? דאָס בלוט אונטער מיין הויט שרייט אויס נאָך זיי,
און ניט נאָר מיינע ליפּן גאַרן נאָך דיר, זוניק יינגל, האַלב-רייפער מאַן.
איך ווייס אַז ערגעץ אַטעמסטו און בענקסט און ביסט פאַראַן,
איך ווייס ניט — זענען די לאַנקעס גרין, זענען די פעלדער שוואַר-באַדעקט מיט שניי?

איך בין ניט שטום, נאָר ווערטער פרירן, ווערטער שטאַרבן אין מיין מויל.
איך בין ניט טויב — וואָס וויל איך הערן און וואָס קען איך הערן?
אָ, גאָט, ווי איך בין שלעפעריק, אָ, גאָט, ווי איך בין פויל!
קעגן וועמען זאָל איך זיך שטעלן? קעגן וועמען זאָל איך זיך ווערן?

איך וואַרט. עס שווייגט מיין בלוט נאָר מיינע שלייפן שפּירן:
עס שרייט דער טאָג, די שעה דערנענטערט זיך:
אָ, זוניק יינגל, אויף גאָלדענע לאַנקעס וועל איך דיך ווידער פירן.
וואָס פאַלן דיינע אויגן צו? באַדויערסטו מיך?

איצט איז שפּעטע נאַכט. די שטילקייט רינט, ער דרימלט דאָס פּאַפּיר.
דאָס איז דער לעצטער אָטעמצוג פון ליכט וואָס פלאַטערט אויף מיין פּען.
דער מידער וועכטער ריגלט צו אַ סקריפּנדיקע טיר.
עס בענקט נאָך דיר... עס בענקט נאָך דיר — ווערלען.

קליינע באַלאַדע

פון וואַנען איז ער געקומען?
דאָ איז ער געשטאַנען —
צווישן פאַרזשאַווערטע פלעשער
און צעבראָכענע קאַנען.

ער איז געקומען פון חלום
אין מיטן חודש ניסן —
מיט צעווינטיקטע פּאָלעס,
צעריסן און צעשליסן.

פון די גרין-געלע אויגן
האָט געשלאָגן אַ טרויער,
ווי פון די שמאַטעס און לאַכעס
ביי דער פאַרוואָרלאָזטער מויער.

דורכן איינציקן פענצטער,
וואָס איז געשטאַנען אָפן,
האָט פאַרבלאָנדזשעט אַ שטערן
פון פאַרפראָרענעם צפון.

אונטער אַן אויסגעדאַרט ביימל,
אויף שווינדזיכטיקע בלעטער —
האָבן אים געבייטשט די ריטער
פון גרוילהאַפטיקע געטער.

פייער־אינדזל

איר דאַרפֿט מיך ניט באַדויערן:
מענדעלעס ים פֿון טרערן און טרויער
רינגלט אַרום דעם אינדזל פֿון פֿייער,
און זינגט אין מיינע אויערן.
זשוקעס שפּרינגען אום אין גראָז
וואָס איז ניט גרין, נאָר זשאַווער־גרוי.
אויפֿן זאַמד — שפּליטערס שטערנגלאָז
זענען צוגעדעקט מיט הינטיש הנוי.
קליינע, אויפֿגעוואַכטע פֿייגל הויערן
איבער מיר מיט אַ געשאָרך —
האָרך, האָרך. איך פֿאָלג און האָרך:
אַ קליאַטשע, אַלט ווי דער יידישער גלות,
אַ קריכנדיקער, קרעכצנדיקער וואָגן.
צעווינטיקטע, צעפּליקטע פּאָלעס,
און אַ סאָלאָוויי — פֿון רעגנס אויסגעצוואָגן —
טרילערט, אויסבאַהאַלטן אין אַ בוים,
אַז מען הערט אים קוים.
נאָר איך — אַפֿילו דאָ, אַפֿילו דאָ,
אויפֿן אויסגעחלומטן אינדזל פֿון פֿייער —
קאָן אין אַן איינזאַמער
פֿרימאָרגנדיקער שעה
הערן דעם זיידנס ים פֿון טרויער
זינגען אין מיינע אויערן.
איר דאַרפֿט מיך אסור ניט באַדויערן.

קענסטו דאָס לאַנד...

קענסטו דאָס לאַנד ווו רויטע רייטערס רייטן
און שפּרייטן טויטנשרויט, ווי אין די אַלטע צייטן,
אויף אונדזער רוק-און-לענד, אויף אונדזער האַלדז און נאַקן?
— איך קען דאָס לאַנד. איך קען זיי, די פּאַליאַקן.

קענסטו דאָס לאַנד ווו בלוט פליסט אין קאַנאַלן,
ווו בייזע העק און הייסע קאָסעס פאַלן
אויף אונדזער רוק-און-לענד, אויף אונדזער האַלדז און נאַקן?
— איך קען דאָס לאַנד. איך קען זיי, די פּאַליאַקן.

קענסטו דאָס לאַנד ווו בערד פון דיינע זיידעס
הענגען אויף שטאַכעטן נאָך ווי לעבעדיקע עדות?
(שוואַרצע קראָען הויערן דאָרט און קראַקען).
— איך קען דאָס לאַנד. איך קען זיי, די פּאַליאַקן.

קענסטו דאָס לאַנד ווו די רדיפות בליִען
אויף אונדזער לעצט געזינד — און ווו די רוצחים קניִען,
ניט צו צלמים איצט נאָר צו אַ רויטן האַקן?
— איך קען דאָס לאַנד. איך קען זיי, די פּאַליאַקן.

פוילן 1967

ש. ל. שניידערמאַנען

ביטערער האַרבסט, דער שניט איז מאָגער.
אַ האָגל פאַלט מיט קרומע שטעך
אויף פאַרדאַרטע פעלדער ווי אויף בלעך,
אַ רויטער צעפלאָשעטער אָגער
ברענגט צו טראָגן אַ בשורה פון שלעכט
פון לענדער ווו די קאַלטע זון איז
פאַרקניפּט אין זשאַווער פון אַ האַרף
מיט אַלטע און צעטראַסקעטע סטרונעס.
צעשפאָלטענע טלאָען גליִען שאַרף
און וואַרפן שרעק אויף שטאָט און דאָרף.
„אָגער, ברענג מיר וואָס איך דאַרף:
אַ מעסטל האָבער, געמישט מיט קאָרן,
אַ ביסל וואַסער — אַ האַלבן קרוג —
מער דאַרף איך נישט. דאָס וועט זיין גענוג
אויף מאָרגן און אויף לאַנגע יאָרן",
די פעלדער פוילן און עס טריקנט דער בוג.

דאָס איינגעשרומפּענע כינעזערל
אויף איסט בראָדוויי

פֿאַר איוואַ גרינבערג

דאָס איינגעשרומפּענע כינעזערל וויל מיר באַווייזן
אַז ווען ער גלעט די העמדער מיטן ביגלאייזן,
געדענקט ער נאָך ווי ער האָט דורכגעשניטן
דעם יאַנגצע-טייך אין איינעם מיט לי-פּאָ.
אויף ליילעכער און ציכלעך שווימען קאַרשנבליטן
אין דער פֿאַרנאַכטיק-דעמערדיקער שעה
אין קעלער-לאָך אויף איסט בראָדוויי.
זיין קאָפּ איז דורכגעשפּריצט מיט ברודנעם שניי
און אין די אויסגעווײנטע אויגן
בליצט אויף דער חלום ווי אַ רעגנבויגן.
דורך שמאָלע פּעלזנוועגנט גייט ער צום טאָל
ווו לי טאַי פּאָ, דער דיכטער, האָט אַמאָל
אַ העגגלבריק פֿון לידער אויסגעשפּרייט,
און לייטערס צו די וואָלקנס אין דער הויך.
אויך דעמאָלט האָט ער אים באַגלייט
אין געל-פֿאַרשיכורנדיקן רויך.

דאָס איינגעשרומפּענע כינעזערל רעדט און רעדט.
זיין לשון איז ניט פֿרעמד אַ יידישן פּאָעט
וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון זיין אייגענעם בראָך
און האָט פֿאַרבלאָנדזשעט דאָ אין קעלער-לאָך,
אין דער וויסטעניש פֿון איסט בראָדוויי.
מיין קאָפּ איז אויך באַשפּריצט מיט ברודנעם שניי.

אבא שטאָלצענבערג

אונטער דער טיר לויערט דער גזלן —
צו זיין ביקס איז צוגעשרויפט אַ שפּיז.
מיין חבר ליגט אין בעט און גוססט
און אין דער גסיסה הערט ער: שיס!

זיין פּנים איז ברודיק ווי דאָס ליילעך,
זיין נאָז פאַרשפּיצט ווי אַ שאַרפע רוט.
די ליפּן וואָס זענען געוועזן זיינע,
זענען ליפּן אָן אַ טראָפּן בלוט.

דער ווינטערווינט צעעפנט דאָס פענצטער
און פאַרבלאָזט אויפן בעט אַ פּאָר זערנעם שניי.
מיין חבר עפנט אויף די אויגן
און די אויערן זיינע הערן: גיי!

ער וואַרפט אַוועק דאָס ברודיקע ליילעך.
ער שטעלט אַראָפּ די פיס אויפן דיל.
ער שפּאַנט אַרויס דורכן אָפענעם פענצטער —
דער ווינט איז פּלוצים געוואָרן שטיל.

ער טרעט אויפן שניי ווי אויף סטעזשקעס בלומען —
ווי אַ דערשאָסענער הונט איז דער ווינט איצט שטום —
נאָר אין זיינע אויערן הערט ער זשומען
דעם גזלנס ווערטער: קער זיך אום.

ער זעט צום ערשטן מאָל דעם גזלן,
ער זעט די ביקס מיט דער גיפטיקער שפּיז.
ער זעט צום צווייטן מאָל דעם גזלן
און עס ברעכן זיך אונטער אים די פיס.

דער גזלן קומט נענטער, נענטער, נענטער —
מיין חבר מאַכט די אויגן צו.
אַ, לאָז מיך קושן דיין פּראָסטיק פּנים,
אַ, לאָז מיך שטאַרבן אַזוי ווי דו.

צום פאָטער

דער נײַנטער טאָג אין חודש אָב,
1905. דער מאַרק איז פּוסט. פון שלאָף
שפּרינגט אויף אַ הונט און הייבט אָן בילן
צום ברענענדיקן קלויסטער־שפּיץ.
קיינער איז ניטאָ אים אײַנצושטילן:
אויף יענער זײַט פון חלום איז געבליבן
אַ מאַרכבײַין און אַ שיסל גריץ.
דער ראָטהויז־זייגער שלאָגט אויס זיבן
כריפּנדיקע קלעפּ און פייגל־טשאַטעס
שנײַדן דורך די לופט מיט אַ געפּילדער.
אַ באָרוועסער — אין לאַכעס און אין שמאַטעס —
קומט צו פליִען פּויטאַש ווי אַ ווילדער.
(זײַן לײַבצודאַק מאַכט אָן אַ הייסן ווינט).
ער רײַסט די טיר אויף פון דער בעלזער קלויז,
און מיט אַ הענערשן געלעכטער שרײַט ער אויס:
אברהמטשע שטיקערס ווײַבל האָט געהאַט אַ קינד.
די זון גייט אונטער ווי אַ רויטע רויז.

ניין, ניט ווי אַ רויז, נאָר ווי אַ בלאָטער.
אַזוי האָסטו געטראַכט, מײַן פאָטער.
און איך, דײַן קדיש און דײַן בכור,
טראַכט אויך אַזוי צו מײַנע צוויי־און־זעכציק יאָר.

מיין פעטער שמעון

וואָס האָב איך פּלוצים זיך דערמאָנט אין פעטער שמעון ?
איך האָב געזען אַ ייד מיט אַ שטרויענער באָרד
אין אַ ברודיקער פענצטער־ראָם אויף איסט בראָדוויי.
ער שווייגט. ער רעדט ניט אַרויס קיין וואָרט.
די קאַלעמוטנע אויגן זעען גאָרניט מער,
נאָר צויטן פון אַ חלום שווימען אום אין זיי
און פורעמען אויס זיך אין אַ מאָגערער טרער,
וואָס שטעלט זיך אָפּ ביים ווינקל פון זיין מויל.
ווי קומט מיין פעטער שמעון דאָ אַהער ?
דאָ איז ניט בויבעריק און דאָס איז ניט זיין גאַניק,
ווו ער פלעגט צו האָדעווען דעם זיידנס טויבן.
איך ווייס: אויך ער איז איצטער קויל
ווי מיינע אַנדערע פעטערס אין מאַידאַנעק.
איך ווייס. איר מעגט מיר הייליק גלויבן.

אָ, ייד מיט דער באָרד פון געלן שטרוי
אין דער ברודיקער פענצטער־ראָם אויף איסט בראָדוויי,
מיין פעטער שמעון האָט אויך ווי דו געשוויגן,
און אויך געשלונגען גאָמלקעס פון שניי
אין חלום. זאָג, איז אַלצדינג וואָס איך ווייס אַ ליגן ?
ווייל שוואַרץ איז ווייס און ווייס ווערט הימלבלוי.

אַ פלאַטערל אין ווינט...

מיין פעטער שמעונס בת יחידה, וואָס איז
על פּי נס אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון די
פייעראויוונס און לעבט איצט אין חיפה

זי איז געקומען פון ברענענדיקע אויוונס,
מיטן פיאָלעטן רויך פון קוימען,
מיט רויטע פלעקן אַש אין פאַלנדיקן שניי,
וואָס האָט צוגעדעקט די שפּליטערדיקע צוימען
מיט תכריכים און מיט ליילעכער פון ברוד.
דער טויט האָט זי נישט איינגעשלונגען
אין אומווערדיקן מאַרשרוט
פון בלוט, און זי איז אויפגעשפּרונגען:
אַ פלאַטערל איןווירבלדיקן ווינט —
מיין פעטער שמעונס איין און איינציק קינד.

משה קצין, דער דרדקי־מלמד

א

אין דער ערשטער רגע פון דער לעצטער שעה פּאַרנאַכט
שרומפּט איין די זון ווי משה קצינס באַק —
פול מיט צוגעפוילטע אויסשיטרויזן.
דער קאַנטשיק פאַלט אַראָפּ פאַרשמאַכט
פון זיינע הענט. אַ זונפלעק אויף די הויזן
דערמאָנט אין מיין מלמדס צערנדיקער ראַק.
פון טונקעלעם אַלקער שפּאַרט אַרויס אַ טשאַד
פון צוגעברוינטע, זויערע געקעכצן.
אין חלום מיש איך בלאַט נאָך בלאַט:
איך הער די חומשדיקע אותיות קרעכצן
און דעם יונגן יוספס ביטערן געזאַנג
ביי דער טיר פון מוטער רחלס קבר.
אין דער מוטנער בענקשאַפט נאָכן זונפאַרגאַנג
ציטערט אויף ביי מיר איעדער אבר.

ב

איך האָב געהערט דער מוטער רחלס יאָמערלעך געוויין
ווען משה קצין, דער דרדקי־מלמד,
איז אַוועקגעפאַלן ווי אַ שפּליטער פון אַ שטיין,
דאָס מויל צעפּראַלט, ווי שיטערע מצבות זיינע ציין,
און זיינע גלאָצנדיקע אויגן ווי קאַלטער סאַמעט.

איך בין געוואָרן שטאַר און שטום פֿון שרעק,
ווען דורך די טרעשטשנדיקע שויבנשפּאַלטן
האָב איך דערזען אַן אָנגעלאָף פֿון שלעק,
פֿון עקדישן, פֿון פּיפּערנאָטערס און פֿון ווילדע בעק —
און בין געקראָכן אויף אַלע פֿיר זיך אויסבאַהאַלטן.

נאָר שפּעטער, ווען דער קנויט האָט לאַנג שוין אויסגעברענט
אין קלעם פֿון מיין פּאַרסאַזשעטן לאַמטערן,
האָב איך, טאָפּטשענדיק אין שנייִקן געבלענד,
געזען די רימענדלעך פֿון קאָנטשיק אין משה קצינס הענט —
אויסגעווייקטע פֿון דער מוטער רחלס טרערן.

מיט דער טויבנפּאָסט צום זיידן אין גן־עדן...

(פאַר מאַנעס שפּערבער)

אַ ייד אַ זקן שרייט: געוואַלט!
איך באַהאַלט ניט מיינע יאָרן,
איך באַהאַלט
אַלטע ווערטער נאָר אין מיין זכרון,
ווי טוי־טראָפּנס אין מויל
פון אַ פאַרפוילטער רויז.
ניין, רבותי, איך בין ניט קיין פויל.
קיין ענגלענדער, צי אַ פראַנצויז,
און כאָטש איך האָב פאַרזוכט דעם טעם
פון פאַניעם בייזע סטעפּעס —
אויב איך געדענק נאָך עפּעס,
איז בלויז אַ טונקל ווינקל אין אַ קלויז
און מאַנדלקערנדיקע ווערטער פון מיין זיידן,
וואָס איך האָב לאַנג געשפּאָרט און אויפבאַוואָרט.
איך שיק זיי איצט מיט טויבנפּאָסט אים אין גן־עדן.

ווינט אין די חורבות

ווערים גריזשען די אייגענע גאַל,
מוראַשקעס שווימען אין ריטשקעס בלוט.
ווינט אין די חורבות. פּלוצים — אַ קנאַל
פון אַ בייזער און גערזאַלצענער רוט
וועקט אויף פון שלאָף די פלעדערמויז
אין מויל פון אַ פאַרשקרופלטער רויז.

איך פרעג: ווער האָט מיך געבראַכט אַהער —
אין פאַרפּוילטע קאָרטשעס פון אַ בייט
איבערצולאָזן אַ נאַקעטע טרער,
און וואַרטן ביז די זון פאַרגייט —
ניט ווי צעשמאָלצן גאָלד וואָס רינט,
נאָר אין צעגאָסענעם מארך פון אַ קינד?

איך קוק אויף דער גרוי-געפלעקטער קראָ
וואָס הויערט נאָך אַלץ אויפן אַלטן פּלויט,
און קראַקעט און קראַקעט: איך בין דאָ
ווייל איך האָב איבערגעלעבט דעם טויט.
איך בעט זיך ביי איר: רייס אויס מיינע האָר.
נאָר לאָז די אויגן אויף איבעראַיאָר.

איך וואַרט אַזוי לאַנג ביז איך געפין,
דאָ אין דער האַרטער, פאַרקאָוועטער ערד,
דאָס האַרץ פון אַ דרייצנפּוסיקער שפּין
און דעם שפּיץ פון אַ פאַרזשאַווערטער שווערד.
נאָר דער ווינט אין די חורבות און די קראָ
ווייסן וואָס איך נישטער נאָך דאָ
איז דער שפּעטער מיטנאַכטיקער שעה.

געשפּענסטער *

דער ווײַן אין קרישטאָלענע באָקאַלן פֿינקלט
אַ ביסל בלאַסער נאָר פֿון יידיש בלוט.
אַ שלויער שמייכל איז אײַנגעווינקלט
אין די אַלטע קנייטשן פֿונעם ליבן גאַסט.
די אויסגענאָגטע ליפּן שעפּטשען: „איז טאַקע גוט
דער טעם פֿון איבערבעטן זיך, אַראָפּוואַרפֿן די לאַסט
פֿון שנאהס און פּאַראַיבלם?" די ליפּן ציטערן.
די אויגן בליסטשען. ער זופּט דעם ווײַן דעם זיסלעך־ביטערן
און טראַכט: „ווי קענען זיי פֿאַרגעסן,
אַז איך, דער נײַנציקיערריקער (אפשר מער אַ פּאָר מעת־לעתן)
הער נאָך אַלץ דאָס אָטעמען פֿון הייסע רויכן
אין באַן אויף מײַנע פּאַרנאַכטיקע שפּאַצירן.
נאָר אַפֿילו איך, דער פֿוקס, ווייס, אַז זיי דאַרפֿן ווייכן
פֿון מיר און ניט קיין ליבע מיט מיר פֿירן".
מען הויבט די בעכערס צו דער סטעליע.
אין ווינקל גרימפּלט אַ קאַפּעליע:
פֿון ביינער — דער טרומפּייט,
אַ האַלדז — די פֿלייט,
און פֿון דער לעכערדיקער פּויק
גלאָצט אַן אויסגערונען אויג.

דער ווײַן פֿינקלט אין קרישטאָלענע באָקאַלן.
געשפּענסטער קלאָגן: אַלץ פֿאַרפֿאַלן. אַלץ פֿאַרפֿאַלן.

די פֿאַרמעטענע הויט פֿאַרדעקן
אויפֿגעבלאָזענע לעבער־פֿלעקן,

---

* קאָנראַד אַדענאַוערס באַזוך אין ירושלים.

געל ווי די ווענט פון מאה שערים.
מען נעמט אים אָן ביים אָרעם
און מען פירט אים אַרויס אין דרויסן.
„וואָס זיינען זיי אויסן?" —
טראַכט ער ווען ער זעט דאָס בלוט
ווידער רינען, נאָר אויף אייגענע גאַסן.
„אַזוי איז גוט... אַזוי איז טאַקע גוט..."
וואָס וויל ער דאָ, דער פרעמדער, וואָס?
די זון וועט דאָ שוין קיינמאָל ניט פאַרבלאַסן,
כאָטש דער טויט טראָגט אַ געוואַנט פון געלן גראָז
ביי די אַלטע מויערן פון ירושלים.
געשפּענסטער ווינטשן זיך לחיים.

אַ גאַסט איז געקומען

דער מאָסקווער רב, הרב יהודה לייב לעווין, איז נעכטן אָוונט אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק אויף אַ צוויי־וואָכיקן באַזוך אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. זיין ערשטער אויפטריט וועט פאָרקומען אין האָנטער־קאָלעדזש — אַראַנזשירט פון (אַנטי־ציוניסטישן) „קאָונסיל פאָר דזשודאַאיזם", אויף וועמענס איינלאַדונג ער איז געקומען

(פון אַ באַריכט אין דער פרעסע)

הענדום־פענדום —קומען זיי צו לויפן:
דער כבוד־זוכער, דער כופר, דער מאַרעוויכער.
מאַכט אַ וואָרע פאַרן מינדסטן קריכער —
זיי האָבן אַלע וואָס צו קויפן און פאַרקויפן.

זיי רינגלען אים אַרום. זיי האָפּקען. זיי טאַנצן.
גוט יום־טוב, יידן, אין אַ פּראָסטן אין דער וואָכן.
און ער, דער גאַסט, ער איז ניט איינגעבראָכן,
נאָר מיט אַ מילדער פייכטקייט זיינע אויגן גלאַנצן.

עס פליִען הענט, עס זשומען ברוך הבאם.
פאַרגוייִשטע יידן יאַכמערן און קוואַטערן.
די ווייס־געקרייזטע באָרד הייבט אָן צו פלאַטערן,
ווי פעדים פון פאַטשיילעס ביי זיינע מאָסקווער באָבעס.

נאָר ער אַליין איז רויִק, געוווינט שוין צו טרעוואָגעס,
פון חניפות און פון שלעפּן זיך אויף די יאַרידים.
זאָל ער זיך שרעקן איצט פאַר טיפּשים און נגידים,
פאַר קלייזל־פּאָליטיק און פּוסטע סינאַגאָגעס?

ער איז ניט ווי אַרן ווערגעלים געקומען
צו שלעפּער־יונגען, מיט אַ בלעכענעם טרומפּייטער.
מען רינגלט אים אַרום. די ברוך הבאם זשומען.
אַט קומט דער גאַסט. אַט גייט ער און אַט שטייט ער.

ער וואַרט. ער טראַכט: ווו נעמט מען איצט די גבורה
פון יענע צייטן? וואָס בין איך איצט? אַ ייד אַ זקן.
די אויגן פינטלען פּלוצים אויף דערשראָקן:
ס'איז בעסער שוין דעם יונג מיט דער באַנדורע.

נאָר איך... נאָר איך... אין זומפּ פון רשעות און פון שטרויכל
האָב אָפּגעזאָגט שוין צוויי מאָל צוואַנציק ווידוים
אויף וואַנדערוועגן פון עליות און ירידות.
גאַטעניו, איך בעט דיך: זיי מיר מוחל.

אוראַנג־אוטאַנג

די זון איז שוואַרץ. די לופט איז קראַנק.
אין די לאַפּעס פון אוראַנג־אוטאַנג
וואַרפט און צאַפּלט זיך די ערד.
אַ פוילנדיקער זומפּיקער געשטאַנק
פאַרסמט דעם אָטעם און צעשטערט
דעם לעצטן שטראַל פון מענטשלעכן געדאַנק.
אין גסיסה־ווייען צאַנקט דער האַר.
דאָס בלוט פון קנעכט, פון חכם און פון נאַר
פליסט אינעם שטויב פון אונטערגאַנג.
טורעמס קראַכן, די וועלט צעפּאַלט.
פון אורוואַלד, ווי דער דונער קנאַלט,
ציט זיך דער שאָטן פון אוראַנג־אוטאַנג.
ווער האָט די טויערן פון הימל צוגעמאַכט?
אַפילו שטערן שווייגן אין דער לאַנגער נאַכט.

דער דאָרן

דאָס בין איך: אין אייער אויג אַ דאָרן.
דער שטויב גליט גאָלדיק־וואָרעם פון מיין טראָט.
איך שפּאַן פאַרביי דעם אויפגעברויזטן צאָרן
און שטעל זיך אָפּ ביים שוועל צום היכל פון מיין גאָט.

די טיר שטייט ברייט צעפּראַלט. דימענטענע שטערן
נידערן אַראָפּ אויף מיין געביין.
מיט אַלע אברים קען איך הערן
ווי מים חיים קוואַלט פון יעדן שטיין.

די בופלאָקסן ווי די לעמער שפּרינגען,
עס פלאַטערן אַ לויב צו גאָט די פלעדערמייז.
אַפילו זשאַבעס אין די זומפּן הייבן אָן צו זינגען
און אַלע שוואַרצע קראָען ווערן פּלוצים ווייס.

דיביימער און די גראָזן ווערן פייכט פון ראָסע,
נאָר אין דער הייל פון אייער אויג דער דאָרן ברענט.
דער דאָרן וועט ניט פאַרלאָשן ווערן ביז די קאָסע
וועט אָפּדאָרן אינאיינעם מיט אייערע הענט.

אין פֿאַרפֿרוירענעם לאַנד...

אין פֿאַרפֿרוירענעם לאַנד
איז דאָס לשון אויסגעלאָשן,
די צינגער אויסגעשניטן.
אַפֿילו מינעס און העוויות
מוז מען אויסבאַהאַלטן
הינטער פֿרײַנדיקע מאַסקעס.
נאָר דורך תּפֿיסה־גראַטעס
שפּאַרט אַרויס אַ מאָל אַ קול
וואָס שפּאַלט דאָס אײַז אין קרײַעס.
דאָס וואָרט איז אײַנגעשפּונען
אין ווײַגנדיקע תּליות.

אין פֿאַרפֿרוירענעם לאַנד
גלאָצן אויפֿגעפּראַלטע קבֿרים
אויף אָפּגעלאָזענע געמאַרקן.
אויף קאַלטע טורעם־שפּיצן
זיצן אָפּגעשונדענע יאַסטרעבס
וואָס רעווען ווי טיראַנען.
בײַטשן וואָיען ווי ווינטן
אויף גאַסן און אין הײַזער
ווו עס פּוסטעווען די בעטן.
דער קײטנקלאַנג האָט אײַנגעשלונגען
דאָס ליד פֿון נאַכטיגאַל און פֿון פּאָעטן.

אין פֿאַרפֿרוירענעם לאַנד
שפּאַנען האַנט אין האַנט
צום עשאַפֿאָט
פֿון שטאָלענעם גאָט —
דער פֿאַרמשפּטער חלום
און דאָם געקוילעטע וואָרט.

דער טאַם־טאַם ברענט...

אַפריקע

דאָרט איז דער הימל קלאָר און בלוי.
זקנים, מיט קעפּ פון בליי,
טאַנצן צו דער לבנה.
קלאַגווייבער, מכשפות זענען שטום —
דער חלום איינגעבײלט אין זייערע הענט.
און דער טאַם־טאַם־ברענט.

געקרײזטע שאָטנס. אויגן פון אָפּאַל.
צעקרימטע וואָרצלען פון בערג
ווערן פעדימער וואָס גליִען
אונטער פאַרטריקנטע הויטן.
גאָלדענע צייכנס אויפן הימל
זאָגן אָן: דער שפּאַרבער קומט.
אַ וואָלקנבראָך שפּאַלט דעם האָריזאָנט.
און דער טאַם־טאַם ברענט.

דאָרט זענען בערג — שטאָלטנע אָגערס,
און שטיינער — פול מיט האָפענונג.
דער ווינט ריזלט שטיל
אויף פאַרשאָלטענע שאַרבנס
בײטאָג און בײנאַכט.
און דער טאַם־טאַם ברענט.

דאָ...

דאָ איז אַפילו בײטאָג דער הימל
אָפּגעבליאַקעוועט און זאַמדיק־גרוי,
און די נאַכט — אַ שוואַרצער פאַנטער.

קיילערם מיט געקרויזטע קעפּ,
מיט שפּיזן אין די אויגן
און פּנימער פון עבנהאָלץ,
מעסטן שלאָפלאָזע גאַסן,
ווייט אַוועק פון זייער היימלאַנד,
און פאַלדיקע פעלדער פון אינדיגאָ.
און דער טאַם-טאַם ברענט —
מעסערם אין זייערע הענט.
דונערם ברומען אויף און קראַכן
אין זומפּיקע שטעט.
בליצן פאַלן ווי בליטן.
אויף אָפּגעשיילטע ווענט
הענגט די שוואַרצע פרוכט
ווי שטריק אַרום אַ האַלדז, אַרום הענט.
און דער טאַם-טאַם-ברענט.

די טויב און דער שפּאַרבער

דער יונגערמאַנטשיק, וואָס איז גאָלע זייד,
(תורה, סחורה און געפּוצטע שטיוול)
שרייבט — וואָך־איין, וואָך־אויס —
מיר דאָס זעלביקע ידידי־בריוול.
איך נעם די אויגן זיך אַרויס
זוכנדיק אין ווערטער־קנויל דעם אמתן באַטייט.
שווערלייביק, פֿויל, זיצט ער אין זיין קעניגלעכן הויז
ביים טיש פֿון עבנהאָלץ און שרייבט.
(אָ, סאַראַ גאָט־געבענטשטער צייט־פֿאַרטרייב!)
און כאָטש ער איז נישקשהדיק באַווייבט —
אַן אמתע לאַנג־איילענדער מאַדאַם,
מיט דימענטן, ווי באָמבעס, אויף די הענט,
(ניט אַנדערש ווי די באָמבעס אין וויעטנאַם)
פּלאַצט אין אים די גאַל און די רציחה ברענט,
ווען די שוואַרצע דינסט דערלאַנגט אים ניט אין צייט
די בייכיק־גרינע פֿלאַש בענעדיקטין.
דער יונגערמאַנטשיק, וואָס איז גאָלע זייד,
פֿאַרנעמט דאָס זשומען פֿון אַ בייזער בין
אין מוח, וואָס ער וויל פֿאַרטרייבן
מיט געוואַלט און מיט זיין שרייבן
בריוועלעך צום שפּאַרבער — אַזוי רופֿט ער מיך.
די פּאַרקער־פּען יאָגט אין גאַלאָפּ.
ער קנעפּלט אויף דעם קאָלנער, טוט אויס די שיך,
און שליידערט טויטע קללות אויף מיין קאָפּ.
די שוואַרצע דינסט צעלאַכט זיך אין דער קיך.

אין אַ דורכגעשטרייפטן זייל פון דער זון

א

דאָ, ווו איך בין געשטאַנען אין אַ דורכגעשטרייפטן זייל פון דער זון —
אין קעלערשטויב, אין פייכטקייט, אין דער שמאָלגעוועלבטער קאַמער און
געקליבן דעם איבערגעבליבענעם רעשט פון דיין פאַרמעגן —
פאַר דיר, פאַר דיין ווייב און פאַר דיין קינד —
האָב איך דיך געפרעגט, אָדער דיך געוואָלט פרעגן,
וועגן אַזוינע זאַכן וואָס שטייען אייביק שטאַר פאַר אונדז און קוקן בלינד
אונדז אָן ווי גאָרניט, און בלייבן אייביק אָן ענטפער שולדיק.
שטיל און געדולדיק האָבן איך געקליבן:
אַ ניט דערוואַשן העמד, מיט ברודיקע געקניפטע שפיצן,
אַ דינעם העפט מיט אַ רויער קינדערישער האַנט פאַרשריבן,
אָפּגעריבן געשיר, פאַרזשאַווערטע האָרנאָדלען, אַ שליטעלע דיין קינדס?
איך האָב זיך דערמאָנט אין די מעשות פון פאַרבלאָנדזשעטן ציגיינער-פרינץ
וואָס דו פלעגסט איר דערציילן.
דאָ, אין קעלער-קאַמער, אין די שמאָלע שטויביקע פיר איילן,
האָב איך ווידער דערזען דאָס קינד אויף דיינע קניִען.
(דאָס קליינע דערשראָקענע ווייב האָט זיך געפּאָרעט אין קיך,
געקלאַפּט מיט די האַרטע, הילצערנע אָפּצאַסן פון די שיך).
איך זע נאָך איצט דיינע אָנגעצונדענע אויגן גליִען.
— אַמאָל איז געווען אַ ציגיינער-פרינץ.

ב

ניט איינמאָל האָב איך געפרעגט פון וואַנען דו ביסט צו אונדז געקומען
אַזוי פלוצים און ווי אַ דאָרנבוש אויפגעברענט?
(ווער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט דיך אין לויטער פייער דערקענט?)
ווילדער וויכער פון רוסישן סטעפּ,

פאַר אונדזערע בלאַסע שויבן. פאַר אונדזערע געבראָכענע טרעפּ.
וואַרצלדיקער קראַט אין אונדזער ווייכער, פייכטער ערד —
פון וואַנען ביסטו געקומען און אונדזערע גערטנער איבערגעאַקערט און
איבערגעקערט?
דו האָסט געזאָגט: איך שענק אייך מיינע הייסע, מיינע ערלעכע הענט.
(ווער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט דיך אין לויטערן פייער דערקענט?)
דו האָסט געזאָגט: זעט, דאָס איז גאָלד און דאָס איז מיסט.
מיר האָבן ניט געפרעגט פון וואַנען דו קומסט און ווער דו ביסט,
נאָר גאָלד מיט גאָלד און מיסט מיט מיסט געוווּיגן —
דו האָסט אונדז געגעבן דיינע הענט, דיין האַרץ און דאָס לויטערע פייער פון
דיינע טאַטערשע אויגן.

ג

דו האָסט אַ ווייב, דו האָסט אַ קינד,
דו האָסט חברים וואָס צייכענען דעם גאַנג פון שטערן. דער ווינט
רינט ווי דין געזאַנג אין זייער בלוט.
דו קענסט עס הערן און דיר איז גוט.
אין דיינע אָדערן ווערט עס געשריי, הילכיק און פריי.
„אין גרויסע שטעט, אין שטיינערנע אַלייען
בליִען מיר ווי יאַשמין, רוישן מיר ווי מאַי״.

ס'איז ניט דער ערשטער פרילינג, ניט דער צווייטער, ניט דער דריטער.
פון צופיל נאַענטקייט שפּרינגען די ערשטע שפּליטער.
האַרבסטן קומען ביטער און ווינטן וואָס זויגן
די לידער פון די ליפּן, די לידער פון די אויגן.
ציגיינער-פרינץ, אָנגעטרונקען מיט זון, איצט ווילסטו אויסמיידן די שוועלן פון
אונדזערע שטיבער.
פון אַלע אַנדערע דיכטער-געזעלן האָב איך דיך אַלץ נאָך ליבער.

ד

איך קען ניט זאָגן אַז דאָ אַהער בין איך דיך געקומען זוכן —
אָ, ווילדער וואַלד פון ווידערשפּרוכן! —
אין קעלערשטויב, צווישן שמאַטעוואַרג און ביטערע גערוכן.
נאָר דאָ האָב איך דיך געפונען, דאָ האָב איך צו דיר גערעדט,
דאָ, ווו דער טרוקענער זשאַווער האָט געגלעט
די אייזערנע געשטעלן פון צעבראָכענעם בעט
און דער שטויב איז געווען ווי גאָלדענער שפּריי פון זומעררעגן —
דאָ האָב איך דיך געפרעגט, אָדער דיך געוואָלט פרעגן,
וועגן די ערשטע טעג און די באַרווישטע נעכט,
מיט לידער ווי געליבטע און צו די לידער — קנעכט.
נאָר וואָס האָסטו געענטפערט? איך האָב אַמאָל געהערט
דעם קלאַנג פון צעבראָכענע שפּאָרן, דעם לעצטן הויך פון אַ פאַרזשאַווערטער שווערד,

און געזעז דעם רייטער און געזען דאָס פערד
ליגן זייט ביי זייט — און דאָס פאַרטריקנטע בלוט אויף דער ערד.
אַזוי האָט דיין קול געקלונגען, אַזוי
האָב איך דיך געזען. פינצטער, פינצטערגרוי
איז געווען דיין פּנים. דער ווינט
האָט געשפּילט אויף די שטומע סטרונעס פון דיין קאָפּ. שטאַר און בלינד
האָסטו געקוקט אויף מיר. וועמענס בליק איז עס געווען, דיינער אָדער דעם ווינטס?

ענטפער מיר, ציגיינער־פּרינץ!

לידער צום זיידן
לידער צום יינגל

דער סגל

אַ סגל איז דיר נאָכגעגאַנגען:
דריי אייניקלעך, דריי ברידער.
דו, מיט דיין צעפּלאַטערטער בעקעשע,
מיט צעווינטיקטע באָרד און פּיאות,
האָסט זיך יעדע רגע אויסגעדרייט
און געהאַלטן אַן אויג אויף אַלע דריי.
ווען שטויביקע פורן מיט דאָרפישע כלאָפּעס
האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום מאַרק,
אָנגעפּראָפּט מיט הינער, גענדז און קאַטשקעס,
מיט ווייץ, מיט קאָרן און מיט גערשטן
אין גרויע גראָבע לייוונטענע זעק,
ביסטו געווען דער ערשטער וואָס האָט זיי
באַגריסט: „דאַי באָזשע שטשאַשטשע".
דו האָסט זיי אונטערגעטראָגן
דאָס שקעטעלע קאַפּנהאַגענער שנופּטאַבאַק.
גוטברודעריש האָבן זיי דיר אָפּגעענטפערט
און גערופן דיך ביים ערשטן נאָמען „נאַיקו".
דער סגל איז געשטאַנען פון דער ווייט
און געוואָרן ברייטער ווי לענגער.

דאָס חומש־ייִנגל

אויף דײַנע ברייטע אַקסל: דאָס עלטסטע אייניקל.
יוכטענע שטיוול גראָבן אויף דעם שניי,
און ווינטיקע סדרות יאָגן נאָך
דעם געלן פּאָס פון פאַררויכערטן לאָמטערן.
דער ווינט שמייסט ווי דעם רבינס קאַנטשיק.
איך נורא איין מיין פנים אין זיין קוטשמע.
די געוועלבער — צוגעקאָוועט, נאָר די שענק איז אָפן.
קלויסטער־גלעקער, שליטן־גלעקלעך קלינגען.
שכורע כאָכאָלן שלעפּן זיך אַהיים און זינגען.
דער זיידע קאָפּעט אַלץ דעם שניי.
אייזפּעדעם אין זיין טאַטעריש שוואַרצער באָרד.
דאָס חומש־ייִנגל קוועלט פון פרייד:
דער זיידע האָט אים צוגעזאָגט צו שענקען
אַ זייגער מיט אַ גאָלדענער קייט.

אין אַ זומערטאָג

די געפלעקטע קו אונטער
דעם צעצווייגטן בוים ווי אַ מנורה
רירט זיך ניט פון פעכלדיקן שאָטן.
הער אויף צו סאָפּען, נח.
לאָז אָפּ די לייצעס. זע: די זשוקעס
און די פליגן האָבן ניט קיין כוח.
אַפילו די מוראַשקעס
זענען פויל און דרימלען.
לאָז איבער דעם געשפּאַן.

חיה-שרה, די הענט אויף די היפטן,
שטייט אויף דער שוועל און שווייגט
מיט בייזע אויגן און אַ זויער פּנים.
דער ריח פון זויערמילך
שפּאַרט דורך טיר און פענצטער.

אונטער דער מיל

אויפֿן קוטשעראַווען שליאַך
שטעלט ער זיך אָפּ ביי דער מיל.
דאָס פערד און וועגעלע זשיפּען קוים.
פליגן באַפּאַלן די אָנגעדאָיעטע רעדער.
בלעטער זשאַווערן. די בייטש ליגט שלאַף
אין זיינע אויסגעטריקנטע הענט.
לישאַיעס און בלאָטערס גליִען
אין דער פּראַלנדיקער היץ.
גאָט העלף, ר׳ נח.
גאָט העלף, אביגדור.
צוויי קרעפּקע יידן נעמען זיך אַרום.
דער מילנער ברענגט אַ פלעשל אָקעוויט.
זיי ריידן דברי חול אין שאָטן
פון וואַסערשפּייענדיקן מילראַד.

אין אַ זומערנאַכט

נאַכט. גליווערעס אין די אויגן.
קריכערס און זשוקעס אין דער באָרד.
הינט האַווקען ביי אָפענע שטאַלן.
אַ טונקעלער פויגל איבער זיין קאָפּ.
די ליפּן שעפּטשען: ווּ בין איך פאַרפאַלן.
ער שטעלט זיך אָפּ ביי די
אָנגעשפּיצטע נעגל פון שטאַכעט.
די פּיס זינקען אין דער
אויפגעיווירענער ערד.

אין דער הויך: די צעשפּאָלטענע לבנה
ווי אַ פאַרזשאַווערטע שווערד.
האָב ניט קיין מורא, נח.
ער וואַרט. ער לוישט. ער הערט:
אין שטאַלן בריקעווען די פערד
און די קי. עס מעקען די ציגן,
די זשוקעס און די פייערפליגן
פלעמלען שטיל אַוועק.
ער דרייט זיך אויס
און נעמט זיך צוריק אין וועג.

ווען די שטאָט איז געשלאָפֿן

ווען די שטאָט איז געשלאָפֿן
האָט ער געהערט דעם רויש
פֿון ווייטע שליוזעס,
פֿון ערשטן אויפֿגעבליטן בעז.
אויף זיין צונג איז געלעגן
דער טעם פֿון טריסליוועס
און אָנגעשוואָלענע פֿלוימען.
ער האָט פֿאַרגעסן אין יאַטקע־קלאָץ,
אין די קאַלכווייסע גראַשיצעס
און די געאָדערטע לונגלעך.
דאָס איבערבעט איז געוואָרן
אַ פֿלאַכטע קרישלדיקער שניי,
דאָס קישן: אַ לייטער צו די שטערן.
אַלץ איז ביי אים געווען אַ קרן.

אַן אונטערגאַנג אין שטעטל

„איינמאָל" — האָט ער מיר דערציילט —
(די ווערטער האָבן זיך אַראָפּגעשיילט
ווי דריבנע נים פון זיינע ליפּן) —
„איז אַ טיפוס־אונטערגאַנג די שטאָט באַפאַלן,
ווי סם־המות פון פאַרשטונקענע קאַנאַלן,
און ניט געוואָלט אַריבערהיפּן
יונג און אַלט, אָרעמע און רייכע לייט.
ווי גוט איך קען געדענקען יענע צייט,
מיט פופציק אָדער זעכציק יאָר צוריק.
געיאַוועט האָט זיך די מגפה פון דער בריק,
אַ צוויי דריי שפּאַן פון בית הקברות.
דאָס הקדש איז געווען פול
מיט אַלמנות, עגונות און עקרות.
נגידים האָבן זיך באַהאַלטן
אונטער שלאָס און ריגל.
וואָראָנעס מיט גרויגעפלעקטע פליגל
זענען פון ווילדע וועלדער אָנגעפלויגן
און אויסגעפּיקט די אויגן
פון גוססדיקע קינדער אין די וויגן.
דער פּאָטיק האָט מיט גרינעם סם געשפּיגן
און אַ שטויב האָט צוגעדעקט די חופּה־שטאַנגען
אין דער טשאָרטקאָווער און בעלזער קלויז.
אומעטום האָט זי געשאַלטעוועט, די טויטנרויז.
אין אַ ווינטערדיקן אויפדערנאַכט
איז אַ פייער פלוצים אויפגעגאַנגען
פון משה קצינס שינדלדיקן דאַך —

געשפּריצט, געצישעט און געלאַכט
מיט הערש דעם לאַנגנם משוגענעם געלעכטער,
וואָס ער האָט איבערגעלאָזט בירושה
זיינע זיבן זין און זיבן טעכטער.
שויבן האָבן אויפגעפלאַמט ווי ווונדן.
איין הויז האָט אַן אַנדערס אָנגעצונדן.
שניי און פייער. פייער און שניי.
גאַנץ בויבערקע האָט געשריגן מיט איין געשריי,
ביז דאָס קול האָט דערגרייכט צום זיבעטן הימל,
און רעגנשלאַקסן פון אַלע זיבן ימען
האָבן אַ פלייץ געטאָן אויף די צעיושעטע פלאַמען.

זלמן דער גבאי וואָס איז לעבן געבליבן
האָט עס שפּעטער אין שטאָטישן פּנקס פאַרשריבן.
נאָר איין זאַך האָט זלמן גבאי פאַרגעסן:
די ווונדן וואָס זענען נאָך אַ פּאָר מעת לעתן
פאַרשוווּנדן נאָר ווי מן השמים.
און אויף יונג און אַלט, אויף קינד און קייט
האָט גאָט זיין ברכה אויסגעשפּרייט".
דער זיידע האָט געשמייכלט און געמאַכט אַ לחיים.

גאָטס ברכה

ווער ס'האָט —איינמאָל נאָר פאַרזוכט דעם טעם
פון געבראָטענע קאַשטאַנעס אויף
— אַ פאַרשנייטער גאַס אין בודאַפעסט
האָט זיכער אויך געזען דעם ים
עפענען אַ פיסק און איינשלינגען
די זון אין גרוילהאַפטן פאַרמעסט.

ווער ס'האָט איינמאָל נאָר געזען אַ האַק
זיך איינבייסן אין פניאַק
— פון אַ פאַרפוילטן בוים אין וואַלד
האָט זיכער אויך געזען אַ באַק
גליִען ווי אַ רויז וואָס וואַרט ניט
אויף האַרבסט איידער זי צעפאַלט.

ווען גאָט פאַרשעלט — אים האָט ער באַשערט
פיר און נײַנציק זאַטע יאָרן אויף דער ערד.

די רויטע העניע

יעדע שטאָט האָט איר משוגענעם.
בויבערקע האָט געהאַט גאַנצע דריי:
וואָפטשי, פויטאַש און די רויטע העניע.
פון צייט צו צייט האָט זיך באַוויזן
אַ שפּאָגל-נייער פון אַן אַנדער שטאָט —
ער האָט אָבער ניט געדאַנזשעט לאַנג.
די רויטע העניע איז געווען די עלטסטע —
דער זיידע האָט זי נאָך געדענקט
פון זיינע פריסטע חדר-יאָרן,
ווען העניע איז געווען אַ יונגע מויד
מיט רויטע באַקן, רויטע ליטקעס
און צעפּאָלאָשעט-ווילדע רויטע האָר.
די באַקן האָבן אָפּגעוויאַנעט,
די ליטקעס האָבן אויסגעברענט,
און נאָר דער קאָפּ — אַ שרפנדיקער סנאָפּ —
האָט זיך געוואָרפן טאָג און נאַכט
אויף אירע איינגעשרומפּענע אַקסל.
„די אונטערגייענדיקע זון אין מיטן תמוז
האָט אָנגעצונדן אירע האָר.
זי וועט זיך האַלטן מיט דער פייער-קנויל
שוין ביז צום קבר" — האָט ער אונדז געזאָגט
און אַפילו ניט געטאָן אַ פינטל מיט אַן אויג.

מיט אַ קינדעריש פאַרכאַפּטן אָטעם
האָבן מיר זיך צוגעהערט צו אים.
מיר האָבן אים געגלויבט און זי געזען
אין אונדזערע חלומות: אַ מיידל גלייך
ווי אַלע אַנדערע מיידלעך אין דער שטאָט.

שפּעטהאַרבסט 1918

שפּעט האַרבסט 1918. אוקראַיִנער און פּאַליאַקן
בייטן מיט דער שטאָט זיך טאָג און נאַכט.
האַרמאַטן קראַכן. ווילדע קוילן קנאַקן —
נאָר פּויטאַש מעסט די גאַסן און ער לאַכט.
הייזער גייען אויף אין פלאַמען,
די קראָמען — אויסגעפּלינדערט אויפן מאַרק.
עס ברענט די קאָרע אויף די ביימער־שטאַמען
און יידיש בלוט באַפאַרבט דאָס בלעטערוואַרג.
באַקוטשמעטע, באַטשיזשמעטע כאַכאָלן
נישטערן מיט גראַבליעס, קאָסעס און מיט העק,
און פּאַנסקי זין — די בייכער אָנגעשוואָלן —
לויפן ווי די מייז מיט אָנגערויבטע זעק
פון יידישן פאַרמעגן אין דער נאַכט.
נאָר פּויטאַש מעסט די גאַסן און ער לאַכט.

דער זיידע דרימלט

דער זיידע דרימלט.
דער האַרבסטווינט ווימלט
אין זיין קאַלטנדיקער באָרד,
דער הימל איז באַקימלט
און באַשפּרענקלט ווי אַ טאָרט
אין חלום. ער שפּאַנט
פאַרביי אַ דורכזיכטיקע וואַנט,
שטרעקט אויס די רעכטע האַנט
צו דער לבנה און די שטערן.
אַלצדינג איז ביי אים אַ קרן.
ער כאַפּט זיך אויף. די זשמעניע
איז נאַכטיק־פּוסט ווי זיין אימעניע.

דאָס אויסגעמאָרעט פערדל וואַרט איינגעשפּאַנט
ווי ראָזינאַנטע אין אַן אַנדער לאַנד.

דער זיידע דערמאָנט זיך אין אַ מופת

פון סטרעטינער רבין

ביזן היינטיקן טאָג קען איך ניט פאַרשטיין פאַרוואָס ער האָט זיך אָפּגעריסן אויף מיר, דער צעפּלאָשעטער חסיד, חנא מאיר בונז, און מיך געוואָלט דורס זיין אומזיסט-אומנישט.

איך האָב געזען ווי דער סטרעטינער רבי האָט איבערגעלאָזט דעם שטענדער, צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַ וויש געטאָן די פאַרהויכטע שויב מיט זיינע טיטון-באַפלעקטע פינגער. איך בין געווען דער איינציקער אין קלויז וואָס האָט געהערט ווי דער וויינענדיקער קדיש האָט זיך אַראָפּגע-קייקלט פון זיינע שלאַפע ליפּן. איך בין אָבער ניט געווען דער איינציקער וואָס האָט פאַרחידושט און אויפגעציטערט נאָכגעזאָגט „יהא שמיה רבא״ — ניט וויסנדיק פאַרוואָס, ניט וויסנדיק פאַר וועז. נאָר ווען דער רבי האָט פאַרגלייזט די אויגן און ווי אין חלום גענומען צוריקשפּרייזן צום שטענ-דער, האָב איך אים אָפּגעשטעלט און תמימותדיק געפרעגט: „נאָך וועמען זאָגט דער רבי קדיש?״ — האָט דער צעפּלאָשעטער חנא מאיר מיך געוואָלט פאַרצוקן מיט זיינע שרפנדיקע אויגן. דער רבי האָט צו דער גאַנצער עדה זיך געווענדט און שטיל אַרויסגעמורמלט: „מיין אורילע איז מיט אַ רגע פריִער געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד. פּאַניעם קויל האָט דורכגע-לעכערט די ריפּ וואָס איז אַמנאָענטסטן צו זיין האַרץ״. און אַ געיאָמער און געוויין האָט זיך געריסן פון אַלע זייטן קלויז.

אַלע האָבן אים געגלייבט און מיטגעקלאָגט אינאיינעם מיט זיין בראָך. נאָר איך האָב זיך אַרויסגעגנבעט פון זיין קלויז אַ פרעמדער און אַן אָפּגענאַרטער.

וואָס איז פּאָרט געווען דער אמת, זיידע?

דריי חדשים שפּעטער האָט דער בריוטרעגער (וואָסילי מיטן אויס־געריוננעם אויג און געל־געפּאָקטן פּנים) אָנגעקלאַפּט מיטן סענקע־וואַטן שטעקן אין רבינס טיר, פון אָפּגעבליאַקעוועטן לעדערנעם זאַק קוים אַ בריוו אַרויסדערביוועט — פאַרזיגלט מיט קייזער־קעניגלעכן טריוואַקס — און אים אַוועקגעוואָרפן אויף דער שוועל.

ערשט דעמאָלט האָט דאָס גאַנצע שטעטל זיך דערוווסט, אַז אינעם זעלבן טאָג און אין דער זעלבער שעה און אין דער זעלבער רגע — מיט דריי חדשים פריִער — ווען דער סטרעטינער האָט אָפּגעווישט דעם הויך פון שויב, האָט זיין בן יחיד אורילע אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם — —

„פון דיר וועט שוין קיין לייט ניט זיין״

מיט גרינע ווערים איז אים אָנגעקומען
אַריינצוקלאַפּן מיר אין קאָפּ:
קוק אויף דער ערד און ניט צום הימל.
האָסט צייט גענוג צו חלומען ביינאַכט.
דאָס ווערימל אויפן ווײַנשלבלאַט
איז בילכער פונעם שענסטן שטערן,
און טייערער ווי אַ בריליאַנט ביי יענעם
איז אַ שטיקל קאָרנראָזעווע ברויט אַן אייגנס.

אַזוי האָט ער גערעדט צו מיר
ווען דער גרייצער וואָס ער האָט מיר געגעבן
איז אַראָפּגעפאַלן אויפן שטראָז
און איך האָב זיך געפוילט
זיך אָנצובייגן און אים אויפצוהייבן.
„פון דיר וועט שוין קיין לייט ניט זיין״.
מיין האַרץ האָט אויפגעפלאַטערט ווי אַ טשאַטע טויבן.

לידער צום יינגל

לכבוד דעם שטומען, דעם בלינדן, דעם טויבן

די שטערן פֿאַלן
ווי נים און ווי טרויבן —
לכבוד דעם שטומען,
דעם בלינדן,
דעם טויבן.

דאָס גרינע אויג
פֿון אַ קראַסער קאַץ,
ברענגט די לבנה
צעשניטן
אויף אַ טאַץ.

און דער שטומער,
דער טויבער,
דער בלינדער,
שפּייזן דערמיט
זייערע ווייבער און קינדער.

אין וואַלד

די מוראַשקעס שפּילן ליבעס
אונטער די שירעמלעך פון וואַסער־גזשיבעס.
די האַרטע ביימערקאָרעס טראַסקען
אין דער זון. די פּוילערוילעס בליאַסקען.
פון בערעזעס זיסע זאַפּטן רינען —
איין וואָרעם וויל אַן אַנדערן געפינען.
פון צופיל גליק די דרייצנפוסיקע שפּינען
שפּרינגען אַרום ווי אַראָפּ פון זינען.
די באָביצע שפּאַנט אַרום געמיטלעך
און ציילט אירע דריבנע, געמאָסטענע טריטלעך.

די באָביצע

ווען די באָביצע וועט בינדן די שפּענדלעך אין בינטלען
וועלן די ביימער רוישן און דער ווינט וועט ווינטלען.
אין איר פֿאַרטעך וועלן פֿאַלן באַרן און פֿלוימען —
זי וועט טרעטן מיט די פֿיס איבער וואַסערשווימען.
פֿייגל וועלן זינגען און דער ווינט וועט זיך פֿרייען
און אַריבער דער באָביצעס קאָפּ זיך דרייען.
דער בער וועט קושן אירע צעריסענע שקראַבעס
און איר אַנטקעגנטראָגן זיינע שוואַרצע לאַבעס.
די מוראַשקעס און די גאָלדענע פֿליגן
וועלן בייסן איר הויט און זיך קריגן און קריגן.
ווען דער באָביצעס אויגן וועלן פֿון מידקייט פֿינטלען,
וועט זי נעמען אויף דער פּלייצע די געבונדענע בינטלען —
און מיטן וואַלד, מיטן בער, מיטן ווינט זיך געזעגענען.
דער הימל וועט מיט גאָלדענע רענדלעך רעגענען.

ווינטערווינט

ווינטערווינט, ווינטערווינט, שפּאַלט זיינע אויגן,
טראָג אים אויף די שאַרפן פון דיין רעגנבויגן —
מיט שניי אויף די ליפּנשניטן,
מיט פראָסט וואָס ברענט,
טראָג אים אויף דיין לופטיקן שליטן,
טראָג אים אויף דיינע נאַקעטע הענט.
מיט דער קראַסער קראָ וועט ער שרייען און פליִען —
מיט צעשטאָכענע אויגן און געבראָכענע קניִען,
און צוזאַמען מיט דיר — אויף די שנייִיקע קרוינען
פון די העכסטע און ליכטיקסטעביימער וווינען.

די באָבע קומט אין קינדערהויז

וואַרף אַוועק, וואַרף אַוועק דעם טרוקענעם קאַטשן —
די באָבע האָט דיר געבראַכט אַ פּאָר פּילצענע באַלאַטשן,
פּאַנטאָפּעלעך נייע מיט זיידענע טראָלדן —
פּאַרן קינד וואָס איז גוט און ווי אַ מלאך גאָלדן.
די באָבע האָט דיר געבראַכט עפּל און באַרן —
דיין מאַמע איז געשטאָרבן אין די לעמבערגער פּיאַרן.
די באָבע האָט דיר געבראַכט נאָך אַנדערע מתנות:
שטרודל און לעקאַך און וויינבאָנבאָנעם,
זאָקן פון וואָל און אַ וואָלענעם שפּענצער —
אַז פון אַלע קינדער זאָלסטו זיין דער שענסטער.

דער ניט־גוטער

די אויגן — בורשטין,
די ציין — פערלמוטער.
וואָהין, וואָהין
לויפסטו, ניט־גוטער.

די פּיס — ספּרוזשין,
דאָס מיצל — קאָרע,
די הענטלעך — דין,
קיין עין הרע.

דער שפּרונג איז ווינט
און שאַרף פון פּעכער —
ווי אַ ספּריטנע אינד
איבער הייזערדעכער.

ווּ פליסטו ווּ,
איבער שול און קלויסטער —
אומרו דו,
ווילדצעברויזטער?

צי זוכסטו אַרום
דיין פּאָטער און מוטער?
וואָס קוקסטו קרום
אויף מיר, ניט גוטער?

וואָס שפּרינגסטו, ברען,
אַריבער דעם מולד —
צי האָט מען דען
אַ קינד דיר געקוילעט?

זאָל שוין זיין גענוג
דיין משוגענער וואַנדל —
נאַדיר וויין אַ קרוג
און פאַרביים מיט צוקערקאַנדל.

אַ בריוו פֿון פֿאָטער

איך קען צו דיר ניט קומען
אַפֿילו איין מאָל אין יאָר,
זען דיינע בירברוינע אויגן,
זיך שפּילן מיט דיינע האָר.

זינט איך בין פֿאַרשוווּנדן
איז פֿאַר מיר די זון פֿאַרשטעלט.
אונטער שטאָלענע גראַטעס
איז פֿאַרשפּאַרט דיין טאַטע, דער העלד.

ער וואַרפֿט זיך אויפֿן געלעגער,
ער רייסט פֿון זיך די הויט.
דאָס איינציקע קינד אין דער ווייטנס
איז זיכער דער טאַטע איז טויט.

דער טאַטע ציילט די מינוטן,
די אויגן צו דער טיר געווענדט —
ניט איינמאָל זעט ער דיך קומען
און צעעפֿנט ברייט די הענט.

די מאַמע איז אין די פּיאָרן
מיט קייטן אַרום די ליטקעס.
און איך וועל שוין זיכער דאַרן
דאָ, אין די לעמבערגער בריגיטקעס.

דערמאנונגען

איך זאָג עס ניט פון ווייטיק

דו האָסט מיך ניט אויסגעטראַכט.
דו האָסט נאָר צוגעגרייט פֿאַר מיינעטוועגן
דיינע זאָגעכצן און דיינע מינעס,
שטראַלנדיקע פסוקים פון תנ״ך,
פֿאַרטרערטע אַלטווייבערישע תחינות
אָפּגעשפּאָרט פון זומער־רעגן.
דו האָסט אפילו מיר געגעבן
אַ פרעמדע שטים,
אַ פרעמדן נאָמען נאָך ביים לעבן.
איך האַלט זיך איצט מיט אים,
ווי עס האַלט זיך אָן אַ קינד אין פֿאַרטוך
פון דער מאַמען. פרעג מיר ניט: וואָס אַרט דיך?
נאָך זעכציק לאַנגע יאָר,
ניין איילן אין דער ערד,
אַרט עס מיך שוין גאָר.
כרת־בארלעך האָבן סיווע בערד,
און אַ מצבה איז אַ המשך פון זכרון.
איך זאָג עס ניט פון ווייטיק, ניט פון צאָרן.
געדולדיק און מיט ליבשאַפט האָב איך אַלץ פֿאַרטראָגן,
אפילו ווען גאָט האָט מיט אַלע עשר מכות מיך געשלאָגן.

גאָטס חסדים זענען גרויס

איך בין ניט געווען מיט אַלעקסאַנדערן אין טעבעס.
אַן אָדלער האָט ניט אויסגעשפּרייט
זיינע ברייטע פליגל אויף מיין דאַך.
מיט פּויטאַשן און אַנדערע שלעפּערס
האָב איך אַרומגעבלאָנקעט יונגערהייט
אין הינטערגעסלעך וואו ס'איז שטענדיק נאַכט.

נאָר איין מאָל ווען עס האָט אַ נאָגנדיקער ניגון
מיך צוגעצויגן צו דער שוועל פון קלויז,
האָב איך זיך אָפּגעשטעלט,
און אַלע מיינע אברים האָבן זיך צעשריגן:
גאָטס חסדים זענען גרויס,
גרעסער פון אַלע זיבן וווּנדערס אויף דער וועלט.

אַזוי ווי אין סדום

דער טאַטע אין קלויז, די מאַמע אין קראָם —
ביידע שינדן זיי פון מיר פּאַסן.
הפקר־יונגעץ אויף די גאַסן
פירן זיך אויף אַזוי ווי אין סדום.

דאָס וואַסער אין פּאָטיק איז געל און גרין.
ביים קלויסטערל אַלטע גויעס קניען.
פון הינטערן הקדש קומט צו פליען
די רויטע העניע בייז ווי אַ בין.

אויפן ראָטהויז־זייגער דער ציפערבלאַט
קוקט אַראָפּ מיט געליימטע פליגל.
אין הויז מיט די אָפּגעשיילטע ציגל
דעם דינס טאָכטער טראַכט פון שמד.

וואָלף שאַפּראַן

גערבוירן 1900, אומגעבראַכט — איין גאָט ווייסט ווען

היינט האָב איך געטראַכט פון דיר,
פון דיין מאַמעס שמעקעדיקע אייערקיכלעך,
און די שלאַנקע לידערביכלעך
וואָס דו האָסט אַנטליגן
ביים זון פון שטאָט-גביר.
ווי שיין דו האָסט געשוויגן
אונטער די נאָדלביימלעך —
פאַרקריפּלט און אומהיימלעך —
און מיט אַ שמאָלער האַנט
געגלעט די בלעטלעך
פון גרויליווונטעגעם לידער-באַנד.
„געטלעך... געטלעך...״
האָבן ווערטער אויפגערוישט.
דער הימל איז געהאָנגען
שווער און אָנגעפּוישט,
אַקוראַט ווי אין דרייסיק יאָר אַרום,
ווען דו ביסט געגאַנגען,
שטייף און שטום,
צום פייער-שפּריצנדיקן אויוון —
זייט ביי זייט מיטן זון פון שטאָט-גביר,
זייט ביי זייט
מיט קינדער און מיט אַלטע לייט.

היינט האָב איך געטראַכט פון דיר,
פון פייער וואָס האָט ניט אויסגעברענט —
איך האָב געוואָלט וויינען, נאָר ניט געקענט.

ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשה

פאַר פּ. ל. גאָלדמאַן

די מעשה איז ניט ניי.
זיי זענען געווען דריי:
דוד,
פּרץ,
איציק.
דוד — קלוג ווי שלמה המלך.
פּרץ — שענער פון אַפּאָלאָ.
איציק — כיטרע ווי אַ שלאַנג.

אַלע דריי זענען געגאַנגען אין שפּאַז
און דריי מאָל אַ טאָג זיך געבוקט צום טיראַן
מיט די שטאָלענע וואָנטשעס און שמאָלן שטערן,
אין לאַנד פון אַניטשעס און טרערן.

אין איין שיינעם טאָג האָבן זיך אַלע דריי אירע
אַרויסגעלאָזט אויף אַ יאַזדע קיין בידזשאַן־הבירא —
ניט מיט דער באַן נאָר אין אַ געקאָוועטן שליטן,
איינגעשפּאַנט מיט דריי רויטע שקאַפּעס,
וואָס זענען אַריבערגעפלויגן בערג מיט שניי,
צו דערגרייכן אַהין נאָך ערב שוואַרץ־שבת.
איציק, דער ייִנגסטער, איז געזעסן אין מיטן,
אים, זייט ביי זייט, די אַנדערע צוויי.
און דער איזוואָשטשיק, אַן איניקל פון קאַצאַפּעס,
האָט געביימשט די פעל פון די פאַרשוויצטע שקאַפּעס.

דוד און פּרץ האָבן איינגעדרימלט
אונטערן הימל מיט רויטע שטערן באַקימלט,
און געחלומט פון שור הבור און לויתן.

נאָר איציקס אויגן זענען אַ גאַנצע נאַכט
געבליבן אָפֿן און אויף דער וואַך,
און די ליפּן ווי אויף אַ שלאָס פֿאַרשלאָסן.
קיינער חוץ אים האָט ניט געוווּסט וואָס ער טראַכט:
„ווען ס׳האָבן אָפּגעהילכט די שטורעמס פֿון בירגער־קריג
בין איך געוואָרן דער דיכטער פֿון גרויסן זיג,
פֿון דניעפּער־בוי און פֿון די שאַכטן,
ביז צו די פּאַטערלענדישע שלאַכטן.
דער מעדאַל אויף מיין לאַץ איז דער בעסטער עדות
אַז איך האָב ווידערשפּעניקט קעגן מיינע זיידעס".

אין דער ווינטערדיקער צעשטערטער נאַכט
האָט ער געקוקט אויף די אַנדערע צוויי
און מיט גרויס צופֿרידנקייט ווייטער געטראַכט:
„איך בין מיט גאָרניט אַריינגעראָטן אין זיי".
(זיין ליד צום אַלמעכטיקן גרוזין
האָט געזשומעט אין מח אַזוי ווי אַ בין).

ער האָט באַריבן מיט פֿרייד די באַהענטשקטע הענט
און ניט געזען ווי די שטערן האָבן אויסגעברענט.

דעם שליטן מיט די דריי רויטע שקאַפּעס
און אַלע דריי געהויבענע אירע,
וואָס זענען געפֿאָרן קיין בידזשאַן־הבירא,
האָט פֿלוצים דער ווינט מיט אַ צעיושעטער מאַכט
אַריינגעשטויסן אין דער טראַכט פֿון דער נאַכט.
נאָר דאָס אייניקל פֿון אַמאָליקע קאַצאַפּעס
האָט דאָס צוגעזען און זיך הויך צעלאַכט.

דאָס אַלץ איז פֿאַרלאָפֿן אַ שעה ערב שוואַרץ־שבת.

דאָס ייִנגסטע קינד

וואָס האָסטו אויסגעביטן ?
וואָס האָסטו אויסגעפירט ?
דיין מחנה איז פאַרשניטן,
דיין נחלה — אויסראַבירט.

אין ענגע דלד אמות :
אַן אָרים הויזגעזינד,
אַ באַנקבעטל דער מאַמעס,
אַ שפּיגל וואָס איז בלינד.

אין קופערט, די תכריכים
חלומען פון שניי.
אויף פאַרצערעוועטע ציכן
קריכן לייז און פליי.

אין ענגע דלד אמות
אַן אַלטער ניגון רינט.
אויפן באַנקבעטל דער מאַמעס
גייט אוים דאָס ייִנגסטע קינד.